## לאטקעס-אויסגעטיילט פון שמואל וווהייט

### י. ל. פיין
א טעלער „פיינע לאטקעס,
פארן אינטערעס אין מיין שאפן
זאלט איר פון זיי געניסן.
ס'איז א נחת צו וויסן,
אז איר האט מיך אינזינען;
דערפאר איישר־כוח אייך א גרויסן.
וועל איך מיך באמיען נישט צו
ענטווישן,
איר זאלט דעם גייסטיקן ניצוץ
אין מיין שאפן געפינען . . .

### ל. ש. קרעדיטאר
לאטקעס מיט זאלץ און פעפער,
מיט גריוון גאר נגידיש;
דערפאר זאל ער אין זיין פרשה
נישט מישן ענגליש מיט יידיש . . .

### י. ליסקי
א טעלער הייסע לאטקעס
געפרעגלט מיט שוואמען,
און פאר זיינע פאעמעס
א פאק פליסיקע גראמען . . .

### שלמה אוירבאך
לאטקעס צארט־מנוחהדיקע,
וואס זאלן שטילן
זיינע ברויזנדע געפילן;
אפשר וועט א שמייכל
אויף זיין פנים זיך צעשפילן —

### מאקס הערשמאן
א טעלער הייסע לאטקעס,
ער זאל נישט אנטשלאפן ווערן,
נוצן זיין גייסטיקע פעדער,
ווייל מ'וויל פון אים אסך נאך הערן;

### א. נ. שטענצל
לאטקעס, ווי ס'פאסט פאר א גביר:
שלמה אויערבאך, ווי איך הער,
האלט אים פאר א גאנצן מיליאנער.

### סעם גאלדבערג און אלין ווינאגראד
לאטקעס א גרויסע שיסל,
מיט פעפער און זאלץ אביסל,
אויך א שאק גוטע וויצן,
זיי מיט הומאר פארנוצן
אויף גאר א קינסטלערישן שטייגער,
ד'ער עולם זאל נישט וועלן אוועקגיין
כאטש ביז איינס דעם זייגער . . .

### משה דאמב
א טעלער געפרעגלטע לאטקעס
פון דינה ריינעס מלאכה,
באפעפערט מיט מלכה שאַפירעס ברכה,
געקנעטן מיט פיערזשניץ און צעלינס
רכילותדיקע פליאטקעס.
אפשר וועלן זיי געפעלן . . .

### שמואל וווהייט
לאטקעס געמאכט מיט מים אחרונים,
אָן פעפער, אָן זאלץ, אָן שמאלץ.
דערפאר א גרויסע פארציע כריין,
פאר זיינע „וואסערדיקע" לאטקעס
וואס זאל אין נאז אים פארגיין!

### פאמאכעט דעם כעלעמער פאעט
א פארציע געפרעגלטע לאטקעס,
זיסע מיט ראזשינקעס און פייגן;
א מתנה פאר זיין וויסן
ווען צו רעדן און ווען צו שווייגן . . .

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 1 (העפט 351) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר יאַנואַר 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

לייטאַרטיקל 1961 ........ ** 1
ניי־יאָר 1961 (אימפרעסיעס) ........ אליהו פאַלושאַק 5
אַ גרויסער מאָלער איז געשטאָרבן (נעקרעלאָג־עסיי) ........ יהודה ביעטש 6
פון בוך „ווייטשעפל שטעטל דבריטן" (לידער און סאָנעטן) ........ א. נ. שטענצל 9
פון היץ (דערציילונג) ........ אַלבערטאָ מאַראַוויא 14
אַ בריוו צו דער רעדאַקציע ........ ל. ש. קרעדיטאָר 19
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער קולטור־געראַנגל פון די חכמי התלמוד ........ י. ריכטיגער 20
ביכער אויף מיין טיש (רעצענזיעס) ........ ש. י. דאָרפזאָן 27
הרב ר' יהושע שפעטמאַן שליט"א (ליד) ........ שמואל וווהייט 31
קראַנק (ליד) ........ ד. ה. לאָרענס 32
לאָנדאָנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

דער סעמינאַר פאַר קולטור און וויסן פון פריינט פון יידיש-לשון

רעפעראַטן געהאַלטן פון יידיש געלערנטע איבער אונזער אַלטער און נייער ליטעראַטור, איבער יידישע געשיכטע און קולטור

יעדן דינסטיק, 8 אזייגער אין קענען באַרנעט סקול קאַמערשל סטר., א.1.

יעדער איז איינגעלאַדן — איינטריט פריי!

פריינט פון יידיש לשון

ג ר א נ ד י ע ז ע ר

# פ ו ר י ם ב אַ ל

און

# „ע ד ד ל א י ד ע" ט אַ נ ץ

טאַנץ און געשמאַקער צובייסן — המן־טאַשן און מאַסקעס

אין דער אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1.

**שבת, 4-טן מערץ**

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס — אָנפאַנג, 7.30

## א רפואה שלימה

אונזער פריינט **אברהם שפיגלמאַן**, אין לאָנדאָן האָספיטל נאָך אַן אָפעראַציע, ווינשן מיר אַ רפואה שלימה.

פריינט פון יידיש לשון

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אַפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 351) — צוויי און צוואַנציקסטער יאָר — יאַנואַר 1961 לאָנדאָן


## לייט־אַרטיקל 1961

צו ראש־השנה, צו די ימים־נוראים טעג פון סליחה ומחילה, פון תפילות און תחינות, פון „תחל שנה וברכותיה", ווען דאָס חשבון־הנפש ספר שטייט אָפן און לייענט זיך פון זיך אַליין איז הוצאה־והכנסה אַ כיבוד־זאַך פאַר שיינע יידן. אין גוישן ניי־יאָר איז דער סך־הכל אין קאָנטע בוך אַ טרוקענער קרעדיט און דעביט, און צוויי מאָל צוויי איז — פיר.

מיטן אויסוויילן אַ נייעם פרעזידענט אין די פעראייניקטע שטאַטן הייבט זיך אָן דאָס ערשטע בלאַט קאָנטע־בוך־1961. די מאַפּע פון די פינף וועלט־טיילן ווערט געטיילט איצט אין צוויי: אַמעריקע און סאָוויעט־רוסלאַנד.

ביי צעלייגטן שאַך־ברעט וועלן זיצן קענעדי און כרושטשאָוו, און אייראָפּע וועט אַריינגענומען ווערן צווישן די קיביצער און זיך צוקוקן צום גרייטן שפּיל, ווי די אַנדערע קבצנים: אַזיע און אַפריקע — אייראָפּע האָט אויסגעשפּילט!

אייזענהויער האָט זיין שטיקל אַרבעט אָפּגעטון: זיין „פויגל־קיביץ", אַדענהויערן, אַריינגענומען, און — „דער מאָר קאָן גיין"!

מדינת־ישראל וואָס ווערט דאָס יאָר שוין אַ בר־מצוה־בחור און וועט שוין אָנהויבן טראָגן אחריות פאַר אירע מעשים גרייט צו דעם אייכמאַן־פּראָצעס צו זאָגן מיט אים איר „ברוך שפטרנו".

די דרייפוסיאַדע וואָס שפּילט זיך איצט דאָרט אָפּ, דער „עסק ביש", איז סך־הכל נאָר אַ פאָר־שפּיל צום בייזן שפּיל צו באַווייזן איר יד החזקה „בכל תקפם וגברתם", אז די מלוכה־און אַרמיי־אינטערעסן זיינען איבער אַלעם, דאָ האָט זיך קיינע „ציווילער"—צומאָל די מלוכה־פּאַרטיי!—נישט אַריינצומישן: מלוכה־און אַרמיי־סודות זיינען רזין דרזין!... יעדער „קאָרפּוס דעליקטי" פאַרשווינדט, פון אונטער די הענט, פון אונטער די אויגן פאַר דער הייליקייט פון דער מדינה.

נו, איז נאָך נויטיק אַ ציוניסטישע פּאַרטיי? איז דאָך דער ערשטער ציוניסט, דר. טעאָדער הערצל, עס געוואָרן דורכן דרייפוס־פּראָצעס... און אַצינד אַז דער „ככל־הגויים" רינט שוין ממש איבער דער באָרד...

בכל־אופן זיינען נאָך די דעלעגאַטן צוריקגעקומען פונם קאָנגרעס געאייניקט אין די צוויי פונקטן: עליה און העברעאישע דערציאונג, אַ מין 5 יאָר־פּלאַן צו ליקווידירן מיט אים, אפנים, דעם גלות.

אויב פון דער אייראָפּעאישער־אַמעריקאַנישער עליה־אָנשטרענגונג עס וועט צוקומען אין ישראל לעבעדיקער אינוועטאַר איז נאָך אַ גרויסער ספק, אָבער אין די תפוצות וועט ער זיך זיכער פאַרמינדערן. רעלאַטיוו איז עס דער זעלבער

סך־הכל, ווייל פּראָצענטואל ווערט דאָך מדינת־ישׂראל פאַרגרעסערט לגבי די תפוצות — דער חשבון איז צדק!...

צווישן די קאָנגרעסן אין ירושלים, צום אָנהויב פון נייעם יאָר 1961, איז אויך געווען אַ קאָנגרעס פון פּוילישע יידן, דער רוב מנין און רוב בנין פון אַמאָליקן מזרח־אייראָפּעאישן יודנטום, דעם באַשאַפער און טרעגער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און ליטעראַטור — דער איבערגעבליבענער יתום־קטן פון דער גרויסער ירושה. הערט זיך עפּעס נישט, אויב דאָרטן זאָלן האָבן באַרירט געוואָרן, וועלכע נישט איז גייסטלעכע אָדער גייסטיקע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן נישט קיין שייכות צו ענינים פון „גוט־מאַכונג"...

גוט, אויב אונזערע אַלע תפילות, דאָס תורה לערנען, די „יידישע טראַדיציע, די צוויי טויזנט יאָר גלות־קולטור איז בלויז געווען, בכדי נישט צו פאַרלירן אונזער נאַציאָנאַל געפיל, און איצט אַז מיר האָבן שוין צוריק אונזער לאַנד, אונזער העברעאיש לשון איז דאָך אַלצדינג שוין אויסגעליידיקט פון תוך— „תוכו אכל וקלפּתו זרק"! — איז באמת ווער ברויך נאָך די נסיונותדיקע יידישע עטיק, די מיט לייב און לעבן געשאַפענע יידישלעכע קולטור? גענומען אים, דעם „אלקי העברים", אַריינגעלייגט אים אין אַן ארון אַריין און אַריבערגעפּעקלט אין אייגענעם לאַנד אַריין און — באַסטא!

נאָר אויב די קולטור־פעלקער פון אַרום, פון דער וועלט וועלן אויך האָבן אַזאַ אויפפאַסונג פון יידן, פון יידישן פאָלק, פון אונזער אמונה, פון אונזער מאָראַל, פון אַזאַ מין קולטור־קאַמאָפלאַזש" — — —

מיר זיינען פאַרקראָכן שוין אין פּאָליטיק, מיר וועלן דעראיבער צוריקגיין אין אונזער אייגענעם אָרעמען ווועלטל. בעסער געזאָגט: צוריקגיין צו אונזער אייגענער יידישער גאַס, אויף וויפיל ס'איז נאָך פון איר עפּעס איבערגעבליבן.

און אַ גאָטס־וואונדער אַז דאָס ביסעלע איז נאָך געבליבן, אַז דער „אונטער־טעקער" און דער „אונטערטענער" איז נאָך רירעווודיק... פון די צענדליקער שולן און שולעכלעך איז נאָך קוים געבליבן אַ מנין — כ'מיין שולן — מיט קדיש־זאָגער און „מנין־מענטשן". די טויזנטער „מעמבערס" וואַרטן אויף זייער נעקסט": אַ בר מצוה־חתונה־שבעה.

דאָס שטיקל ביליגע טעאַטער וואָס איז נאָך געווען דער שטאָלץ דאָ פון דער יידישער גאַס איז אויך שוין פאַרמאַכט אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, עס איז נאָך אפּן פאַר „בענעפיסן", ווו די שול ליציטירן כשרע הינער, און די ציוניסטישע פאַרייען — „תוצרת־הארץ".

דער 5־יאָר פּלאַן, מיט וועלכן אונזערע קאָנגרעס־לייט זיינען צוריקגעקומען, איז ממש צוגעפּאַסט אַ סוף צו מאַכן פון אַזאַ מין יידיש לעבן; עס ברויך אַזויפיל אויך נישט צו נעמען! מיט ריזיקע מיילן־שטיוול גייט די וועלט אַקייגן אַ נייעם סדר העולם, רופט אים קאָמוניזם, רופט אים נאַציאָנאַל ווירטשאַפט רופט אים קנאַק־ניסל — די וועלט־פירער וועלן שוין בנוגע דעם נאָמען צווישן זיך אַדורכקומען! — אין וועלכער מסחר וועט נישט שפּילן די ערשטע פידל, און ממילא וועט מען מיט אַ מסחר פון בשׂר־כשר אַליין נישט דאָמינירן אַ



יידישע גאַס, און מיט קרקע־האַנדל אויפן בית־עולם — דעם לעבעדיקן יידישן גאָט. עס איז די יידישע קולטור, און אַלע אירע שעפערישע וואַריאַנטן, אין וועלכע דער יידישלעך געטלעכער זשעני ווערט נתגלה, וועט בלייבן דער יסוד פאַר דער יידישער טראַדיציע, אידעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע.

אונזער גרויס דרך־ארץ פאַרן ענגליש־באַוווסטן ייד; זיין ערלעך באַמיען זיך פאַר זיינע רעליגעזע־און געזעלשאַפטלעכע־מסודות איז ממש דירנדיק. דער יינגער דור מיט זיין זוכן דעם געשמאַק פון „יידישקייט" רירט ביז האַרץ־ווייטאָג: אָפּגעריסענע קינדער פון דער מאַמעס ברוסט און גיב זיי פאַרשטיין, וואָס עס מיינט איינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך. האָט אַ קאַפּיטל תהילים דעם עכטן יידישן טעם אין דער בעסטער איבערזעצונג? דאָס נעמלעכע מיט שלום־עליכמס טרערן־געלעכטער, מיט פּרצעס פאַרטיפטער נשמהדיקייט.

אמת, מען קאָן בדיעבד יוצא זיין: „שמע, בכל לשון שאתה שומע"! אָבער נאָר אַזעלכע, וואָס עס איז זייער גאַנץ לשון, עס שטייט נישט „בלשון", נאָר „בכל לשון". אַז ס'איז זייער מאַמע־לשון קאָן זיי גאָט, דער טאַטע אין הימל אויך פערשטיין. אָבער נישט אַ מיט „דיקשענערי"־נאָכגעגעבע מיט פרעמדער מעלה־גירה־צונג, וואָס גאָט אַליין, כביכול, קאָן ווערן אַן אַנטיסעמיט דערהערנדיק עס.

באמת, ווען מ'הערט זיך צו צו אַ „לוימדישן"־„דיסקאַשן", ווי צוויי ענגלישע „תלמידי־חכמים" ריידן איבער אַ מודה־במיקצת־שיטה, אדער צוויי „לובאָוויטשער" „קאָנווערסירן" איבער חב"ד, דאַכט זיך, אַז אַ צוגעברומט גמרא־ניגונדל ביים שאַך־ברעט, צי גאָר אַ פאַרבלאָנקעט חסידיש־וואָלעכל ביים קאָרטן־טיש האָט אין זיך מער אַ געשמאַק פון תורה און חסידות; בכל אופן אויף דער ביליקסטער און שונדיש־שאַרזשירטע טעאַטער סצענע — זיכער.

נישט בחנם האָט די אָפיציעלע „קהילה קדושה" איר לעצטן לעבנס־קאַמף אויסגעקעמפט אַזוי טעאַטראַל — מיר מיינען מיטן פאָלקס־טעאַטער אויף דער, אַדלער סטר. — אויף דער יידישער גאַס, איצט שטייען זיי ביידע דאָ איינע קייגנאיבער דער אַנדערער, „אַנטערטעקער" און „אנטערטענער" — אבל וחפוי ראש".

מסתם איז נויטיק אין לאָנדאָן — אַ חוץ אַ ספרדישע, אשכנזישע און כל ערליי חרדים־שולן, צו האָבן צו צו דער „יונייטעט" — אַ פעדעראַציע; מיר קענען זיך נישט אויס אין סינאַגאָגן־„ביזנעס".

מיר שטעלן אויך נישט „די פעדעראַציע" קיין גרויסע יידישע קולטור־פאָדערונגען. טויזנטער מזרח־יידן, קיין עין הרע, פאַרבונדן אין אַ קהילה און נויטיקן זיך נישט צומאָל צו האָבן איין חדר, וואָס מען לערנט זייער מאַמע לשון, מען זינגט זייערע פאָלקס־לידער, איז גיי צו אַזעלכע קהילה־מנהיגים און דערציל זיי פון ליטעראַריש־גייסטיקע הצטרכות, פון העכערע קולטור באַגריפן — עס וואָלט געווען אַ ניוועלירונג פון אונזער גרויסע שעפערישע ירושה און מזרח־אייראָפּעאישע קולטור־טראַדיציע.

אויך אינטערעסירט אונז נישט אין גרונד וואָס אויף אַ מלוה־מלכה־

„אנטערטעמענט", האָט זייער פריערער ראש־הרבנים אין ענגליש געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז יידיש איז אַ „פּערענע" שפּראַך.

מסתם איז עס געווען אַזאַ חריפישער פּריוואַט־דריי, כדי זיך מיט אַזאַ אסימילאַציע־, צי מיזראַכי־זייאָניסטיש־חניפהלע זיך צוריק אַריינצובאַקומען אין בית־דין.

דאָס נעמלעכע, צו זאָגן, פון פעדעריישן רב, אַ מופלג, מוסמך וואָס קוואַפּעט, מסתם, אויך אויף אַ בית־דיל־שטעל, וועלכער האָט בפרהסיה, אויך אויף אַזאַ „מלוה־מלכה־„אנטערטיימענט", נעבעך, דערקלערט בפרוש, על פי הלכה, אז יידיש איז אַ פרעמדע שפּראַך. דאָס אַלץ געהערט מסתם מער צו פּריוואַט־„ביזנעס" : „מהכי תיתי, א יינגערמאַן, ווייל עפּעס דערגרייכן, זאָל ער האָבן דאָ אין דער איסטענד, אויף אַ מלווה־מלכה „אַנטערטעמענט", אַ שפּרינגברעט.

אָבער צום שלוס פון אונזער ניי־יאָר־לייטאַרטיקל 1961 רייצט עס דאָך צו דערציילן פון אַ טראַגישע ראש־השנה סצענע אין אַ פעדעריישן סינאַגאָגע", אין אַ שולכל אין איסט־ענד.

ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר, אַ שול פול מיט היימישע יידן, 99 פּראָצענט ריידן מאַמע לשון, און דער 100′טער פאַרשטייט אויך „יידישקייט" — דער חזן, אַן אוקריינישער ייד אַ פיינער מנגן און אַ גוטער בעל־תפילה האָט דער־וואַרמט דעם עולם.

גייט דער רב, דער איצטיקער ראש־הרבנים פון דער „פעדעריישן", אַרויף אויפן מעלעמער צו זיין תקיעת־שופר־דרשה. מסינותדיק דער שריט. די ווייסע באָרד, דער ווייסער קיטל, דער טלית מיט זילבענער שפּאַניע, איין שכינה־דיקער הייליקער ציטער — אַן אָפּשיין פון אונזערע הייליקע ברענענדיקע שטעט־לעך פון דער היים ! — און ער הייבט אָן צו האַלטן זיין דרשה אין — ענגליש. ווי אַ פינסטערער בליץ איז מיר אַדורך דורך לייב און איך האָבן פערשטאַנען אין דעם מאָמענט דעם מאַמר חז״ל : אין דעם טאָג ווען מען האָט די תורה איבערזעצט אין גריכיש, האָט די ערד אויפגעשוידערט פיר הונדערט מייל אויף פיר הונדערט מייל . . . און אינמיטן זיין „שפּיטש", מיט אַמאָל, ווינט עס ארויס פון אים אין יידיש מיט אַ צעבראָכן האַרץ : „גאָט איז מיין עדות, אז איך שעם מיך פאַר מיין ווייסע באָרד צו שטיין דאָ פאַר אייך, פאַר אַ היימישן עולם און צו ריידן צו אייך אויף ענגליש, אָבער איך מוז טון מיין „דיוטי".

אויב דאָס איז אַ „דיוטי" וואָס מנהיגים פון מזרח־יידן פערלאַנגען איז דאָס שוין די „דיוטא אחרונה" פון אַ קהילה, מעג זי זיין פון וואָסער ענגליש פּאַט־ריאָטישע, אָדער נאַציאָנאַל ישראלדיקע עדיקיישן־מאָטיוון.

אויב אָבער ס׳געהער צו סינאַגאָגן־ביסנעס, וועט מען מיר מוחל זיין מיין אַריינמישונג, מען מעג דאָך, סוף כל סוף בעטן מחילה אויך אין אַ ראש־השנה לגויים.

פ.ס. מכה די וואַלן פון אַ „טשיף־ראַביי" אין ישראל, וואָס וועט, מסתמא, שוין פאָרקומען, מיט גאָטעס און בן גריונס ווילן, אַננא 1961, וועט זיך בעסער פּאַסן אינם „עד דלא ידע"־אַרטיקל אינם פּורים נומער, אם ירצה השם . . .



## אליהו פאלושאק

### ניי־ יאר 1961

(אימפּרעסיעס)

דו גייסט !
ווו אהין ?
אין קיינעמס לאנד,
אלייען און גאסן
גלייך און אויסגעקרימט —
נישטא קיין אנהויב, נישטא קיין סוף.

ווו איז גאט ?
אין קיינעמס לאנד און אומעטום,
אויף דיין גארגעל,
אין דיין הארץ,
באשאפער און צעשטערער,
אהבה און שנאה אין איינס —
נישטא קיין אנהויב און נישט קיין סוף.

וואס איז גליק ?
א שארדע,
א בלויער פויגל,
מעטערלינקס בלויער פויגל,
איינגעענגט אין שטייגל,
גיי און כאפ אים !
אין ווייטע לענדער,
און איבער אלע ימים,
און אויף דער שוועל
פונם אייגענעם הויז —
נישטא קיין אנהויב און נישט קיין סוף.

וואס איז ווארט ?
דונער און בליצן,
אמת און שקר,
מלחמה און שלום,
געזאנג פון געזאנגען,
קדושה און טמאה —
דאס איז דאס ווארט,
נישטא קיין אנהויב און נישט קיין סוף.

וואס איז ליבע ?
הייליקטום און קללה,
נירוואַנאַ,
הארץ מיט הארץ
געקענטן אין איינס.
גוף ווערט נשמה,
נשמה ווערט גוף —
נישטא קיין אנהויב און נישט קיין סוף.

וואס איז תפילה ?
פארזיגעלט די ליפן,
די אויגן געשלאסן,
פארטראגן אוועק
אין אוניווערס.
אפן דאָס האַרץ,
יאוש און האפנונג צוגלייך —
נישטא קיין אנהויב און נישט קיין סוף.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

הויב דעם בעכער
און טרינק
און זינג
און זיי מתפלל
אָן אן אנהויב און אָן א סוף.

## יהודה ביעטש

# א גרויסער מאלער איז געשטארבן

פרייטאג, דעם 16טן יאנואר, 1961, האט דער בארימטער קונסטמאלער, אלפרעד וואלמארק, באקאנט אלס קאלאריסט און ווי מען האט אים אמאל באצייכנט „דער קעניג פון גלענצנדע פארבן”, איבערגעגעבן דער אייביקייט זיין נשמה. זיין נאמען אבער וועט לעבן פאר די, וואס האבן א זין פאר דעם שיינעם, א געפיל פאר קונסט און א פארשטענדעניש פאר דעם געדאנקען־רייכע.

ליבהאבער פון קונסט בכלל, און קינסטלער בפרט, סאי די וועלכע האבן אים פערזענלעך געקענט און סאי די וועלכע האבן פון אים געהערט, וועלן באדויערן די גרויסע אבדה פאר דער קונסט.

אלפרעד וואלמארק, געבוירן אין ווארשע, אין יאר 1876, איז זער יונג געקומען קיין ענגלאנד, וואו ער האט שטודירט אין דער קעניגלעכער קונסט־



אקאדעמיע. זיינע בילדער פון יענער צייט זענען מייסטנס רעמבראנד־ארטיקע פיגורן פון רבנים, וועלכע ער האט צוזאם מיט אנדערע בילדער אויסגעשטעלט אין לאנדאן און אין אויסלאנד. און ווי ס׳ווערט אנגעגעבן האבן זיי דעמאלט ארויסגערופן אויפמערקזאמקייט און לויב מצד די קריטיקער.

אבער גאנץ אומגעריכט האט ער גענומען מאלן טאנצנדיקע מיידלעך, זוניקע פעלדער, און זיינע בילדער זענען געווארן פלאמיקע פארבן־הארמאניעס. ס׳האט זיך פלוצלונג ביי אים דערוועקט און אנטוויקלט א שטארקער חוש און רייץ פאר קאלאריט. עס קען זיין, אז דאס איז א שטיק פונם יידישן אפטימיזם, וואס געפינט טרייסט, לוסט צום לעבן. אפילו זיינע שאטנס ווירקן פונקט אזוי פארביק ווי זיינע ליכטער.

איך מוז אבער גלייך דערקלערן, אז כ׳האב נישט בדעה צו שרייבן אן אפהאנדלונג איבער וואלמארקס קונסט־געשטאלטונגען. אויף אזא פארמעסט איז מיין פעדער צו שוואך. אבער אפאר שורות וויל איך ווידמענען דעם פארשטארבענעם קינסטלער, מיט וועמען איך האב געהאט דעם כבוד צו שטיין אין קאנטאקט במשך פון איבער פערציק יאר.

אלס יידישער קינסטלער, ווארפט זיך הויפטזאכלעך אין אויג, אין וואלמארקס שאפן, א פארוואנדשאפט מיטן גרויסן יידיש־האלענדישן קינסטלער — יאזעף איזראעלס, וועלכער גיט אונז אין העל־ליכטיקע פארבן א פאנאראמע פון א שטיק לעבן פול מיט רעגנבויגן־קאלירן. אמת, וואלמארק, ווי איזראעלס, זעט אפילו אין די שאטנס נישט הוילע פינסטערניש. אויך דארט שימערירט פארב פאר אים, אויך דארט געפינט ער בלומען פאר זיין קינסטלעריש אויג. עס מאכט אבער דעם איינדרוק, אז ער האלט עפעס אין זוכן ; א זאך, וואס גיט אים נישט קיין מנוחה.

זיין זוכן „זיך” פירט אים איבער פארביקע חלומות, וועלכע פירן אים צום געדאנק, אז ער איז באשטימט געווארן צו עפעס גרעסערס. ער האט טאקע זיין גאנץ לעבן זיך ארומגעטראגן מיט דער מחשבה צו שאפן אן אויסערגעוויינלעך געשטאלט פון משה רבנו, וואס זאל פארקערפערן דעם גייסט פון דעם גרויסן רעליגיאנס־געזעץ געבער.

די הויפט־כאראכטעריסטיק ביי וואלמארקן, אלס קינסטלער, איז די יידישע אומרואיקייט. מען פילט דאס אין זיינע שאפונגען. ס׳איז בכלל נישט שווער נאכצופאלגן די גרויסע אנשטרענגונג, וואס ער מאכט מיט זיינע אפטע ענדערונגען אין זיין שאפונגס־מעטאד. וואלמארק באמיט זיך שטארק צו דערהויבן דעם יידישן נאמען צווישן די פעלקער. פלעגט ער דאך תמיד זאגן : „קונסט איז די נשמה פון א פאלק. דורך דער קונסט און זיינע קינסטלער באהעפט זיך מענטש מיט מענטש, דור מיט דור, פאלק מיט פאלק ; קונסט פאראייניקט די פארגאנגענהייט מיט דער צוקונפט”.

אמתע קונסט איז אוניווערסאל און אייביק. גריילעך איז דאס מסתמא דער הינטערגעדאנק ביים קינסטלער, אז מיט זיינע שאפונגען גייט ער אריין אין דער אומשטערבלעכקייט. אויב דאס איז געווען זיין געדאנק... גלויב איך,

אז ער האט אליין זיך געגעבן די בעסטע אפשאצונג. פאקטיש, האט א. וואלמארק איבערגעלאזן א ווערטפולע קאלעקציע פון קונסטווערק, וועלכע וועלן פארבלייבן לדורות.

מיין ערשטע באגעגענונג מיט א. וואלמארק איז געווען אויף א פארזאמלונג פונם פאריין „בן־אורי“. מען האט באלד דערקענט, אז אחוץ וואס ער איז א גרויסער קינסטלער איז ער אויך א מענטש מיט א ווארעמער, פילנדיקער נשמה; ועל כולם — א הייסער ייד. ס׳איז נאך פריש אין מיין זכרון דער אופן וואיזוי ר׳האט דעמאלט אויפגעפאסט דעם „בן־אורי“־געדאנק.

„מיט א געמיט פון דערהויבנדקייט, האט ער דערקלערט, בין איך היינטיקן אוונט געקומען, ווייל איך וויל בייטראגן מיין אנערקענונג צו דעם דאזיקן פאריין מחמת דער וויכטיקער אויפגאבע און ציל צו פארשפרייטן השגות וועגן יידישער קונסט און ליטעראטור צווישן יידישן עולם. איך וויל אנווייזנד זייןביים לייגן דעם גרונטשטיין פון אזא גרויסער און וויכטיקער אונטערנעמונג, וואס שטרעבט צו שאפן א ידישע קונסט־גאלעריע. עס מיינט צו שאפן א מאנומענט פון יידישער אייביקייט. אט דערפאר בין איך מיטן גאנצן הארצן פאר א באשטענדיקער קונסט־גאלעריע. דאס איז א נויטווענדיקייט. ס׳וואלט ממש דערמוטיקט די קינסטלער, וועלכע שאפן ביי יידן פאר יידן. אזא אינסטיטוציע וואלט פאר דער וועלט דערקלערט וועלכע גרויסע יידישע קינסטלער עס שאפן פאר אנדערע פעלקער“.

אלפרעד וואלמארק קען מען באטראכטן אלס דעם דינאמישן טרובאדור פון קאלאריסטישע עפעקטן. ער האט געמאלן פארטרעטן, דעקארירט קירכן־פענסטער, פריוואט־הייזער, וואזאנעץ, טעפ, מעבל און אסך אנדערע זאכן. וואלמארק איז אויך געווען א פיינער אילוסטראטאר פון ביכער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך ישראל זאנגווילס ווערק. די אריגינאלן פון אט די אילוסטראציעס געפינען זיך אין דער „בן־אורי“־גאלעריע.

ביים לעבן האט וואלמארק שטארק ליב געהאט קאליר און דעקאראציע. אזוי איז אויך דער לעצטער וועג צו זיין אייביקער רו געווען דעקארירט מיט פארשיידנארטיקע בלומען, מאכנדיק דעם איינדרוק פון א הערלעכער דעקאראציע מיט העל־ליכטיקע קאלירן.

איך האב דערפילט, אז א גרויסער מענטש גייט אוועק פון אונז און ממש דערזעען, אז דער קינסטלער, אלפרעד וואלמארק, גייט אריין אינם היכל פון אומשטערבלעכקייט — די שטילע שטימונג איז געווען אזא...

גרויס איז די אבדה פאר דער יידישער קונסט. די טרייסט איז, אז זיין גייסט אין זיינע קונסט ווערק וועט לעבן!

---

„די אידישע שטימע“

די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804



## א. נ. שטענצל

(פון בוך „ווייטשעפל שטעטל דבריטן“

### „פותחין בכבודה של אכסניא“

אַלצדינג אַצינד אַנדערש דאָ, געביידעס, מענטשן,
אַ יידן שוין באַלד שווער דאָ צו דערקענען,
בלויז דאָס שטיקעלע ערד געבליבן דאָס זעלבע;
אויב נישט אויסגעקנאָטן פון איר מיר זענען,
אָבער איר אָטעם איינגעאָטעמט מיר האָבן,
צו לעבן דאָ און צו ווערן דאָ באַגראָבן.

אויף די שייטערס אין שפּאַניע נישט צו פאַרברענען,
צו אַ מאַמע — צו דיר, צוריקגעקומען;
און ווען פון קרעמאַטאָריע־פייער געלאָפן,
וויפיל מיט מאַמע־אָרעמס אויפגענומען;
צווישן זיי, די אשכנזים און פאָרטוגעזן,
אַ לויפנדיקער ייד איך בין אויך געווען.

אַז גאַנץ דיר געהערן, דער מענטש מוז פאַרשטומען?
איז איידער נאָך, וויל איך דיר מיין דאַנק זאָגן;
בלויז ווי אַזוי, אויב נישט מיט אייגענע ווערטער?
כ׳האָב אים לאַנג, דעם דאַנק, אין האַרץ אויסגעטראָגן,
מיט יעדן טראָט, אָטעמדיק אויף דיר געטראָטן,
מיין הייפעלע לעבן דאָ אַריינגעקנאָטן.

ווי אַלץ איצט דאָ אַזאַ ניי פנים געקראָגן,
דער הימל אפילו אַ גאַנץ אַנדערער —
ברייטלעך אויף די געביידעס אַלט־איינגעזעסן;
איך אָבער בין אַלץ דער זעלבער וואַנדערער,
פול באַוווּנדערונג, ווי אָקאָרשט אַנגעקומען,
אַ ווונדער נאָר, ס׳לשון מיר נישט אָפּגענומען —

צי קאָן דען זיין ווייטער און פונאַנאַנדערער,
צווישן אייגענע אַ פרעמדער צו לעבן?
דאָס ציטערדיק אָפּגעשפּאָרטע פון מויל צו מויל,
נישט האָבן קיינעם מער איבערצוגעבן?
אַזאַ דאַנק, ס׳האַרץ פון דער ערד, זאָל אים דערהערן,
ווען באַשערט, אַ טיילכל פון איר דאָ צו ווערן.

## חנוכת-הבית פון דער פארטוגעזישער שול "שערי שמים"

ווען די וואַקסענע ליכט, זעקס הונדערט און דרייצען,
האָבן אין די מעשענע הענגלייכטער געברענט,
איז די שול אַ פול־געפּאַקטע מיט יידן געווען,
אַזעלכע קיינמאָל געזען און קיינער געקענט.

שטאַמען מסתם פון מעראַנען אַהער אַנטלאָפן,
געקומען, ווער ווייסט, מיט וויפיל דורות צוריק — —
ס'האָט דער פרנס מיטן חזן זיך איבערגעקוקט,
כהרף עין זיך פאַרשטאַנען, אויפן בליק:

און אַנשטאָט דעם „מזמור שיר חנוכת הבית", —
ווילאַנג איינגעזונגען מען האָט אים מיט אַ כאָר! —
פון ארון־קודש די ספרים אַרויסגענומען,
און דער חזן אָנגעהויבן כל־נדרי גאָר.

אָ, נישט איינשטודירן מיט אַ כאָר מען האָט געברויכט,
אַלע ווי איינער פון אויסנווייניק געקענט;
טריפנדיק ס'האָבן די הענגלייכטער מיטגעזונגען,
זיך בייגנדיק פון ענגשאַפט — מיטגעוויינט די ווענט.

## פרינץ קראפאטקין

ווי אַ גוטן־יידן אַזוי האָט מען אים אויפגענומען,
און ווי אַ גוטער־ייד האָט ער זיך צווישן אונז באַזעצט,
מיט זיין ברייט־רבניש־רבישע־באָרד די געסלעך באַשיינט —
פרינץ דאָ צוריק ער ווערט, אין זיין לאַנד וו אַ הונט געהעצט.

ווי האָט ער דעם „בתוך עמי אני יושב" טיף דאָ דערפילט,
ווען ביים שרייב־טיש פון דער גאַס דאָס יידיש ריידן דערהערט;
ערשט שבת, ווען דער עולם איז פון די שולן געגאַנגען,
מאַיעסטעטיש אַזוי מיט היימיש־צעפּאָכעטע בערד.

מיט איינגעהאַלטענע הערצער די געסלעך אים נאָכגעקוקט,
ער האָט זיך באַוויזן מיט זיין במתינותדיקן טראָט;
אַלץ וואָגיקער און אַלץ געוואַגטער איז געוואָרן זיין גאַנג:
נישט בלויז אונז — דעם גאַנג פון לעבן פאַרשטאַנען ער האָט —



ס'שיצט די סטאָדע צומאָל דעם הונט, ווען זי נויטיקט זיך אין אים!
כ'שפיר אין זיי די ליבשאַפט נישט בלויז צו מיר — צו מיין גאַנץ פאָלק!
ער שמייכלט ברייט אין זיין באָרד אַריין, און פון זיינע אויגן
ווישט ער אויס אַ טרער: געפון פונם לעבן אויס דעם טאָלק — —

אָך, די אָדעסער יאַטן צעהרגענען זיך דאָ אין ראָג,
ווי אויפן טאָלטשאָק, מיטן אמתן רוסישן וואָרט!
ער פילט דעמלט אַזאַ נאָנטקייט, אַ קאַצאַפּיש־סטעפּישע,
אַז אַליין שיער ער וואָלט זיך צעשריגן, טאָקע, קאָק טשאָרט — — — —

פריש־אָנגעפּאָרענע לויפן פון תפיסות, פון פּאָגראָמען,
קומען „שלום נעמען", פאָפראַווען" זיך, צו אים אַרויף;
אַ לחיים גענומען, געהאָלפן מען איז געוואָרן —
גאַנץ ווייטשעפל פאַר זיי עפּעס אַ מין רבישער הויף!

יאָ, איבער קאָהנ'ס רייזע־ביוראָ, ווו זיין חדר־המיוחד,
נישט איינער געקושט די מזוזה, ווען אַרויס פון דאָרט:
געפראַוועט אַ נסיעה, — סאַמע נסים און נסיונות! —
ס'איז עפּעס, ווי פון אַ טאַטנס הויז ווייט אַוועק מען פאָרט.

## דער טאטע און זון

(אַן עקידה־באַלאַדע אין סאָנעט און ליד)

נישט טאַטע און זון — צוויי לייבלעכע ברידער,
אַ צייטיקע פרוכט פאַלט אַראָפּ פון איר צווייג:
טו וואָס דיר איז ליב, בלויז מיין אַמט איך לייג,
ניין, ערלעך צו זיין, עס לייגט מיך אַנידער.

„אַז וויאַזוי נאָך זיין אַ, ,טשיף', אַ ,לידער'?"
שפּיץ־באָרד צווישן ציין פאַרביסן אין געשווייג,
אַרויף און אַראָפּ אַ חיה אין אַ שטייג — —
שטעלט זיך אָפּ, און הייבט אָן צו ריידן ווידער:

„עס גייט נישט אין ליבע, צי אין יראה,
עס גייט אַצינד — מיין, צי דיין קאַריערע!
דער ענין גאַנץ קלאָר, כ'גלויב האָסט מיך פאַרשטאַנען — —"

נישט געקענט מיט „מיין קינד" דעם זאָץ שליסן.
אַ דיני־נפשות פסק . . . זיך שיסן . . .
פאַרמשפּטער פאַר זיין שופט געשטאַנען.

* * *

נישט טאַטע און זון — צוויי קעמפער, צוויי העלדן!
נאָך האַלבע נאכט, ווען געהערט די צוויי שאָסן,
צום טעלעפאָן צוגעגאַנגען ענטשלאסן,
ביי דער פּאָליציי זיך אַליין צו מעלדן.

איז דער דראָט געווען איבערגעשניטן:
„טאַטע, נישט קיין נסיון — אַן עקידה!
פון ליבע, פון יראה, גרעסער פון ביידע —
דער בזיון וואָס דורך דעם וואָלסט געליטן" —

נישט די שורות — אים דאָ שטיין ר'האָט געטראָפן!
וואָרט נישט געקענט אויסריידן — אַליין אַצינד!
פון זיין יאָמערלעך־געוויין־אויסשריי: „מיין קינד"!
דאָס גאַנצע הויזגעזינד צונויפגעלאָפן.

## וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

דאָ איז ער געבענדיקט געוואָרן דער לייב,
ווי אין אַ שטייג אונטער געקאָוועטע שטאַנגען.
כ'האָב אים געזען איינמאָל דאָ, אין אַ געסל
נישט בלויז פון אָפּשיי, פון גרויס דרך־ארץ —
פון אַ מין מורא אויסן וועג אים געגאַנגען.

בערגלדיק דער שטערן, זילבער־געהעמערט,
פאָראויס, ווי אויף וועמען מיט כעס זיך צוואַרפן:
אָט שטייט ער אים דער שונא פאַר די אויגן!
אונטער די דינע ליפן גריזשען די ציין,
ממש מען האָט געקענט דערהערן דאָס שאַרפן.

עפּעס וועט היינט אין די געסלעך דאָ געשען,
דער לייב האָט זיך פון דער שטייג אַרויסגעריסן:
צווישן די אָלדגייט־און מיילענד־טויערן,
די וויסט־אַרומלויפנדיקע פּיקסלעך דאָ,
געפונען מ'וועט זיי פון זיינע ציין צעביסן —

אָדער אפשר, ווי אין פסוק דאָרטן ס'שטייט:
זנב לזנב פלאַקערס צונויפגעבונדן — —
און משוגענער־וויַז אַרומלויפנדיק,



וועלן זיי די שטאָק־פינסטער געסלעך דאָ,
אין אַלע פיר־עקן אַצינד אונטערצינדן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ איז ער געבענדיקט געוואָרן דער לייב,
צו בייטש־געקנאַל מ'האָט אים אויסגעלערנט טאַנצן —
געדרעוועט אַ ביסל, געוויזן די ציין,
מיט אַ קניקס געוואָרט אויף: „גוט געשריגן לייב"!
„מעז יצא מתוק" — לאַקריץ־זיס אינגאַנצן.

## א סאָנעט

ווי דאָס ווייטע הינטערלאַנד זיי זיינען געווען,
די שטעטלעך, פאַר אַלע אונזערע שטעט אַצינד —
איך קאָן נאָך דערקענען יעדן טאַטנס אַ קינד,
ווי אָקאָרשט ערשט נעכטן אין דער היים געזען! —

אַזוי ווייטשעפּל, דו, נאָכדעם וואָס ס'איז געשען,
אַלע שטעטלעך אַוועק ווי מיטן שטורעם־ווינד,
ביזט דו וווּנדערלעך אויסגעוואַקסן, ווי געשווינד,
כאָטש גאַנץ לאָנדאָן מיגרירן מיט דיין איין בריק־לעין.

האָט ווער געזען אין שטורעם, ווי ס'וואַנדלט אַ וואַלד,
מיט צווייג און מיט וואָרצל נישט איין בוים פאַלט,
נישט איין פויגל ווערט צעקוועטשט אונטער אַ שטאַם,

אָבער אַ פאַרוואָרצלטער ווידער דער וואַלד ווערט,
און ווי שוואַך, ווי פּישטשענדיק, איין שוועלבל בלויז מען הערט,
עס וועלן אים באַגלייטן באַלד אַלע, צוזאַם.

## און צום שלוס

שוין אַ פערטל יאָרהונדערט באַלד עס ווערט,
ווי אין די געסלעך דאָ מיך פאַרקליבן,
קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער נישט געטון,
און מיינע יידישע לידער געשריבן.

איך לעב נאָך, כ'גיי אָנגעטון, כ'בין דערנערט — —
מוט און מעגלעכקייט מיר געבליבן,
אָפּנהערציק אַ דאַנק קענען זאָגן,
גאַנץ פון האַרץ, און נישט איבערטריבן.

אַלבערטאַ מאָראַוויאַ

## פון היץ

מיטן זומער, אפשר צוליב דעם וואָס איך בין נאָך יונג און נישט צוגעוואוינט צום געדאַנק אַז איך בין שוין אַ באַווייבטער מענטש און אַ טאַטע פון אַ קינד, כאַפּט מיך אָן אַ פאַרלאַנג צו אַנטלויפן. אין זומער, אין די הייזער פון רייכע לייט, פאַרשליסט מען די פענסטער באַלד אין דער פרי און די פרישע לופט פון דער נאַכט האַלט זיך אין די באַקוועמע, פאַרטונקלטע צימערן, וווּ עס גלאַנצן אינם האַלב־שאָטן שפּיגלען, מאַרמאָרנע פּאָדלאָגעס און מיט וואַקס פּאָלירטע מעבל. אַלץ איז אויף זיין אָרט, אַלץ איז אָפּגעפּוצט, אין אָרדנונג, ציכטיק; אפילו די שטילקייט איז קיל, מנוחהדיק, טונקל. ביסטו דורשטיק, ברענגט דיר עמיצער אויף אַ טאַץ אַ מחיהדיק געטראַנק מיט אייז, אָן אָראַנזשאַדע, אַ לימאָנאַדע, אין אַ גלאָז פון קריסטאַל, אין וועלכן די שטיקעלעך אייז, אויסמישנדיק זיי, מאַכן אַ פריילעך גערויש, וואָס דאָס אַליין דערפרישט דיך שוין. אָבער אין די הייזער פון אָרימעלייט איז גאַנץ אַנדערש. מיטן סאַמע ערשטן הייסן טאָג דרינגט אַריין אַ פאַרנע היץ אין דיינע קליינע, שטיקנדיקע צימערלעך און טראָגט זיך נישט אָפּ. דו ווילסט טרינקען, אָבער פונם קראַן, אין דער קיך, קומט אַ וואַסער, וואָס איז אַזוי וואַרעם ווי זופּ. דו קאָנסט דיך מער נישט אומדרייען אין שטוב; אַלץ — מעבל, מלבושים, כלים — שיינט ווי געשוואָלן און ווי ס'וואָלט געהאַלטן אין אַרויפפאַלן אויף דיר. יעדער איינער גייט אַרום מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל פון העמד, נאָר די העמדער זענען פאַרשוויסט און מיט אַ שלעכטן ריח. פאַרשליסטו די פענסטער, ווערסטו דערשטיקט ווייל די נאַכט־לופט האָט נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אין די צוויי־דריי צימערן, וווּ זעקס מענטשן שלאָפן; עפנסטו זיי, גיט דיך די זון אַ פאַרפּלייץ פונקט ווי דו וואָלסט געווען אויף דער גאַס און אַלץ שמעקט מיט קאָכעדיק מעטאַל, מיט שווייס און מיט שטויב. מיט דער היץ היצן זיך אויך אָן די כאַראַקטערן; כ'מיין צו זאָגן זיי ווערן גרייט צום קריגן זיך: אָבער דער עושר, פאַלט עס אים איין, גיט זיך אַ טראָג אָפּ צום אַנדערן עק פון דער דירה, דריי צימערן ווייטער; אָרימעלייט מוזן בלייבן וווּ זיי זענען ביי די פאַרשמירטע טעלער און שמוציקע גלעזער אָדער פשוט אַרויסגיין פון הויז.

אין אָט אַזאַ טאָג, נאָך אַ ריכטיקער צאַנקעריי מיט דער גאַנצער משפחה, דאָס הייסט מיט מיין ווייב, ווייל די זופּ איז געווען צו געזאַלצן און קאָכעדיק; מיט מיין שוואָגער, ווייל ער האָט זיך אָנגענומען פאַר מיין ווייב און לויט מיין מיינונג האָט ער נישט געהאַט קיין רעכט דערצו, מחמת ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט און געלעגן מיר צו לאַסט; מיט מיין שוועגערין, ווייל זי האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ ווידערווילן ביי מיר, מחמת איך האָב גוט געוווּסט, אַז עס איז אָן אַרט חנדלען זיך און אַז זי ליבט זיך אין מיר; מיט מיין מאַמען, ווייל זי האָט געוואָלט מיך באַרויקן; מיט מיין טאַטן, ווייל ער האָט געטענהט, אַז ער וויל אָפּעסן בשלום און ס'זאָל זיין שטיל; און אפילו מיט מיין טעכטערל, ווייל זי האָט געגעבן אַ ברעך אויס אין אַ געוויין.



איך האָב מיך פּלוצלונג געגעבן אַ שטעל אויף, האָב אַ נעם געטון דאָס רעקל פון דער שטול און אַ זאָג געטון פּראָסט און פשוט: „ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן? אַלע האָט איר מיך שוין גענוג באַלעסטיקט. אויף ווידערזעען אין אָקטאָבער, ווען דאָס קילע וועטער קומט אָן.“ און בין מיר אַרויס פון הויז. מיין ווייב, נעבעך, איז מיר נאָכגעלאָפן און אַראָפּקוקנדיק איבערן געלענדער פון די טרעפּ האָט זי מיר נאָכגעשריגן, אַז זי האָט געמאַכט אוגערקע־סאַלאָט, וואָס איך האָב אַזוי ליב. איך האָב איר געהייסן אַליין זיך אָנעסן דערמיט און בין מיר אַראָפּ אין גאַס אַריין.

וואוינען וואוינען מיר אויף דער וויאַ אַסטיענזע. איך האָב אַריבערגעקווערט די גאַס און סתם אַזוי זיך געגאַנגען ביז צו דער אייזערנער בריק, וווּ עס געפינט זיך דער טייכן־פּאָרט פון רוים. עס איז געווען אַזייגער צוויי נאָכמיטאָג, די הייסעסטע שעה פון טאָג, און דער הימל, אָנזאָגנדיק אַ שיראָקאָ־ווינט, איז געווען בלאָ, ווי אַ געשוואָלן אויג נאָך אַ קלאַפּ מיט דער פויסט. צוגעקומען צו דער בריק, האָב איך מיך אָנגעלענט אויף דער אָנלען, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט טשוועקעס; ס'האָט געבריט. דער טיבער, איינגעשלאָסן צווישן די ברעגן טיף אונטן ביי שיפּע ווענט, האָט אויסגעזען ווי אַן אָפענער קאַנאַל און האָט אויך געהאַט אַן ענלעכע שמוציקע קאָליר. די גאַז־אַנשטאַלט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ סקעלעט נאָך אַ שׂרפה, די אויוונס פון דער גאַז־אַנשטאַלט, די סילאָ־טורעמס, די רערן פון בענזין־רעזערוואַרן, די שפּיציקע דעכער פון דער עלעקטראָווניע האָבן פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט, אַז מען האָט געקענט מיינען מען געפינט זיך אין עפּעס אַן אינדוסטריעלער שטאָט אין צפון איטאַליען און נישט אין רוים. כ'בין געשטאַנען אַ וויילע און באַטראַכט דעם טיבער, איצט געל און קליין, מיט אַ שיפל פול מיט זעק צעמענט פאַראַנקערט ביי אַ ברעג, און האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן ביים געדאַנק, אַז דער דאָזיקער רינשטאָק רופט זיך אַ פּאָרט, פונקט ווי די פּאָרטן פון גענואַ און נעאַפּל, וועלכע זענען אָנגעשטאָפּט מיט שיפן פון אַלע גרייס. וואָלט איך באמת געוואָלט אַנטרינען פון דעם דאָזיקן קליינעם פּאָרט, וואָלט איך געקאָנט אָפּציִען קיין פיומיטשינאַ, וווּ איך וואָלט געקאָנט עסן געפּרעגלטע פיש ביים ים. צום סוף האָב איך מיך אויפגעהויבן, אַריבערגעקווערט די בריק און געגאַנגען אין דער ריכטונג פון געוויסע שטרעקעס לאַנד אויף יענער זייט טיבער. כאָטש איך האָב געוואוינט נאָענט פון דאָרטן, בין איך אָבער דאָרטן קיינמאָל נישט געווען און האָב נישט געוווּסט וווּ כ'גיי. אין אָנהויב בין איך געגאַנגען אויף אַן אויסגעפּלאָסטערטן וועג, רעגולער, הגם איבער נאַקעטע פעלדער באַוואָרפן מיט מיסט; דערנאָך איז פון דעם וועג געוואָרן בלויז אַן ערדענע סטעזשקע און דאָס מיסט איז געוואַקסן קופּעסווייז ווי קליינע בערגלעך. איך האָב איינגעזען אַז כ'בין פאַרקראָכן ממש אויפן אָרט, וווּ מען וואַרפט אַרויס דאָס גאַנצע מיסט פון רוים: קיין איין גרעזל איז אין ערגעץ נישט געווען צו זען, נאָר בלויז מאַקולאַטור, פאַרזשאַווערטע בלעכן, גלאָמבעס פון קרויט, כלערליי אָפּפאַל, אין אַ בלענדנדיק ליכט, מיט אַ זויער געשטאַנק פון פאַרפוילטע זאַכן. איך האָב מיך געפילט

פאַרבלאָנדזשעט, ווי איינער וואָס האָט מער נישט דעם ווילן צו גיין פאָרויס אָדער אין דער זעלביקער צייט וויל ער אויך נישט זיך אומקערן צוריק. פּלוצלונג האָב איך דערהערט רופן „פּססט... פּססט..." ווי מען וואָלט גערופן אַ הונט.

איך האָב מיך אויסגעדרייט צו זען וואו עס קען זיין דער הונט. אָבער עס איז נישט געווען קיין הינט בנמצא, כאָטש, מיט דעם גאַנצן פּוילנדיקן מיסט, עס איז געווען דאָס ריכטיקע אָרט פאַר היימלאָזע הינט; האָב איך מיר געטראַכט, אַז מסתמא רופט מען דאָס מיך און האָב געקוקט אין דער ריכטונג פונוואַנען דאָס קול איז געקומען. דעמאָלט ערשט האָב איך דערזען הינטער די קופּעס מיסט איז געשטאַנען אַ קליינע בודקע, וואָס איך האָב פריער נישט געהאַט באַמערקט, קרום, פּיטשעדיק, מיט אַ דעכל פון גערונצלטער בלעך. אַ בלאָנד מיידעלע פון אַ יאָר אַכט איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט געוואונקען צו מיר, אַז איך זאָל אַריינגיין. איך האָב געקוקט אויף איר: זי האָט געהאַט אַ ווייס פּנים און פאַרשמוציקט, מיט בלאָע צייכנס אונטער די אויגן, ווי אַ דערוואַקסענע פרוי. די האָר זענען איר געווען פול מיט שטרוי, מיט פּעדערן און מיט שטויב, אַזוי, אַז דער קאָפּ האָט אויסגעזעען געשוואָלן און שטעכלדיק ווי אַ רויב־פויגל. געקליידט איז זי געווען זער איינפאַך: אַ זאַק מיט פיר לעכער, צוויי פאַר די אָרעמס און צוויי פאַר די פיס. קוים האָב איך מיך געהאַט אויסגעדרייט, האָט זי מיך אַ פרעג געטון: „איר זענט אַ דאָקטאָר?"

„ניין," האָב איך געענטפערט. „פאַרוואָס? דו דאַרפסט האָבן אַ דאָקטאָר?"

„אויב איר זענט אַ דאָקטאָר," האָט זי ווייטער גערעדט, „קומט אַריין אינעווייניק: די מאַמע איז קראַנק."

איך האָב נישט געוואָלט דווקא אויפווייזן, אַז כ'בין נישט קיין דאָקטאָר און בין אַריין אין דער בודקע. צום ערשט האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי כ'וואָלט אַריינגעקומען אין אַ שמאַטע־האַנדל אויף קאַמפּאָ די פיאָרי. אַלץ איז דאָ געהאַנגען פונם באַלקן: מלבושים, זאָקן, שיך, כלים, געשיר, שמאַטעס. באַלד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען געווען זייערע זאַכן, אויפגעהאַנגען אויף טשוועקעס, ווייל ס'איז דאָרט קיין מעבל נישט געווען. בשעת מיין וועגדן מיך אַהין און אַהער, נייגנדיק דעם קאָפּ כדי אויסצומיידן די הענגנדיקע זאַכן און זוכנדיק איר מאַמע, האָט דאָס מיידעלע מיר אַ ווייז געטון כמעט מיט אַ גנבישן בליק אויף אַ פּאַק שמאַטעס אין אַ ווינקל. איך האָב נענטער אַהינגעקוקט און בין מיר באַוואוסט געוואָרן, אַז דער דאָזיקער פּאַק שמאַטעס נעמט מיך אַדורך מיט איין פינקלענדיק אויג, דאָס אַנדערע איז געווען פאַרדעקט מיט אַ לאָק גראָע האָר. ווי אַ שלאַק האָט דער אָנבליק מיך געטראָפן: זי האָט אויסגעזעען אַ זקנה, דאָך איז זי, פאַרשטייט זיך, געווען יונג. דערזעענדיק מיך, האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטון: „אַז מען שטאַרבט נישט, זעט מען זיך ווידער."

דאָס מיידעלע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, ווי דאָס וואָלט געווען דער אָנהויב פון אַ פריילעך ספּעקטאַקל, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד שפּילן מיט אייניקע לײדיקע קאָנסערוון־ביקסלעך. „איך קען אייך באמת נישט," האָב איך געזאָגט... „וואָס איז מיט אייך?... איז דאָס מיידעלע



אייער טאָכטער?"

„אודאי איז זי," האָט זי געענטפערט, „און דיין טאָכטער אויך."

דאָס מיידעלע האָט ווידער גענומען לאַכן צו זיך אַליין, מיטן קאָפּ איינגעבויגן. מיינענדיק, אַז דאָס איז עפּעס אַ מין וויץ, האָב איך איר געענטפערט: „ס'קען זיין, אַז זי איז מיין טאָכטער, אָבער אפשר אויך פון אַן אַנדערן מאַן."

„ניין" האט זי א מאך געטון, האלב־אויפהויבנדיק זיך פון דער ערד און טייטלענדיק אויף מיר מיט א פינגער, „זי איז דיין טאכטער און נאר דיינע... דו פוילענצער, דו ליידאק, דו פחדן אומבאשטראפטער וואס דו ביסט".

ביים קלאנג פון די דאזיקע באליידיקונגען האט דאס מיידעלע ערשט גענומען לאכן מיט אפּעטיט: פונקט ווי זי וואלט געווארט אויף זיי. איך האב מיך געפילט באליידיקט און האב געזאגט: „דו רעכן דיך מיט די רייד... כ'האב דיר שוין איינמאל געזאגט, אז איך קען דיך נישט".

„דו קענסט מיך נישט, הא?... דו קענסט מיך נישט, נאר ביסט צוריקגעקומען... אויב דו האסט מיך נישט געקענט, ווי קומט עס, אז דו האסט געפונען דעם וועג צום הויז?"

„פחדן, אומבאשטראפטער וואס דו ביסט", האט דאס קינד גענומען זיך אונטערזינגען. אצינד האב איך ערשט באמת געשוויצט, טיילווייז פון דער שטיקנדיקער היץ און טיילווייז פון אנגסטן. „איך בין בלויז צופעליק פארבייגעגאנגען", האב איך געענטפערט...

„אודאי אזוי, דו נעבעכל..." זי האט זיך געווענדט צום מיידעלע: „גיב מיר דעם בייטל". פלינק האט דאס מיידעלע א נעם אראפּ געטון א שווארץ־סאמעטענעם בייטל פון באלקן, פארשמוצט און צעבראכן, און אים דערלאנגט דער מאמען. זי האט אים אויפגעמאכט און ארויסגענומען עפּעס א בויגן פּאפּיר און געזאגט: „אט איז דער דאקומענט פון דער חתונה... עלווירא פּראיעטטי און ערנעסטא ראפעללי... נו, דו לייקנסט נאך אלץ, ערנעסטא ראפעללי?"

כ'האב מיך געפילט געטראפן, פונם פאקט וואס אייגנטלעך איז אויך מיין נאמען ערנעסטא. אביסל גערירט האב איך איר געענטפערט, „אבער מיין פאמיליען־נאמען איז נישט ראפעללי".

„נישט?" דאס מיידעלע האט גענומען זיך צוזינגען „ערנעסטא, ערנעסטא" און די פרוי האט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. כ'האב מיר ריכטיק משער געווען: מיט אירע גראע האר און גערונצלט פּנים און וואס זי האט מער נישט געהאט קיין צאן אין מויל האט מען דאך געקאנט זעען, אז זי איז נישט מער אלט געווען ווי א יאר דרייסיק. „אזוי, דו ביסט נישט ראפעללי?" מיט די הענט אויף די היפטן האט זי זיך דערנענטערט צו מיר, האט גענומען קוקן אויף מיר און שרייען: „דו ביסט יא ראפעללי... כ'שווער פאר גאט און פאר לייטן, אז דו ביסט יא ראפעללי".

„כ'פארשטיי שוין" האב איך געזאגט; איך קאן זעען, אז דו ביסט נישט געזונט... אויב עס איז דיר נישט אומאנגענעם, וועל איך מיר איצט גיין מיין וועג".

„פאמעלעך, ווארט א מאמענט... נישט אזוי גיך״. דערווייל האט דאס מיידעלע גענומען טאנצן ארום אונז פון שמחה. סארקאסטיש האט די פרוי ווי־דער אנגעהויבן: „ערנעסטא, דער גרויסער ערנעסטא... וואס האט איבער־געלאזט זיין ווייב און איז אנטלאפן פון שטוב און מען האט אים מער נישט געזעען א לעבעדיקן א גאנץ יאר... נאר ווייסטו מיט וואס מיר האבן געלעבט, איך און דאס דאזיקע באשעפעניש, אין משך פון יאר ווען דו ביסט געווען אוועק ?״

„איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן״, האב איך גערעדט צו איר הארבע רייד... „לאז מיך גיין״.

„דו זאג אים״, האט זי געשריגן צום מיידעלע, „זאג אים מיט וואס מיר האבן זיך דערהאלטן ביים לעבן, זאג אים דעם טאטן דיינעם״.

„פון נדבות״ האט דאס מיידעלע פריילעך געענטפערט, מיט א זינגענ־דיק קול, דערנענטערנדיק זיך צו מיר אין איר ריי...

דעם אמת געזאגט, איך האבווירקלעך מיך אנגעהויבן פילן באאומרואיקט. די דאזיקע אלע צופאלן: דער נאמען ערנעסטא, דער פאקט וואס אויך איך בין אוועק פון שטוב, דער אנדערער פאקט וואס אויך איך האב א ווייב מיט א טאכטער, האבן מיר געגעבן ס׳געפיל, אז איך בין מער נישט איך און אין דער זעלביקער צייט, אז איך בין עס דאך, נאר אנדערש ווי געוויינלעך. זעענדיק מיך אזוי אומזיכער מיט מיר, האט די פרוי דערווייל גענומען מיר שרייען אין פנים אריין: „אבער דו ווייסט וואס איז אנגעגרייט פאר מענער, וואס לאזן איבער ווייב און קינדער ? תפיסה... האסט פארשטאנען, דו פארברעכער ? תפיסה״.

דאס מאל האב איך שוין מורא געהאט און אן א ווארט האב איך מיך געווענדט צו דער טיר, כדי אוועקצוגיין. נאר עמיצער האט געקוקט אויף אונז, פון דער שוועל: א קליין, מאגער ווייבעלע, ארעם, דאך זויבער געקליידט. זי האט א זאג געטון, זעענדיק מיך אין מיין פארלעגנהייט: „לייגט נישט קיין אכט אויף אירע רייד... ס׳איז ביי איר אזא שגעון, אז יעדער מאַנסביל איז איר מאן... און די דאזיקע מרשעת, איר טאכטער, שלעפט בכיוון אריין די פאר־בייגייער אין הויז פאר איר פארגעניגן צו הערן זי שרייען און מאכן משוגענע שטיק... ווארט ביז איך וועל דיך פאקן, דו קליין מכשפהלע״. האט געמאכט א באוועגונג ווי צו געבן דעם מיידעלע א פאטש, אבער יענע האט זיך פלינק ארויסגעדרייט און האט אנגעהויבן טאנצן ארום מיר, איבערחזרנדיק מיט שמחה: „האסט עס געגלויבט, זאג דעם אמת, האסט עס געגלויבט... און האסט מורא געהאט, האסט מורא געהאט... האסט מורא געהאט״.

„עלווירא, דאס איז נישט דיין מאן״ האט די פרוי רואיק געזאגט. פלוצלונג, ווי איבערצייגט, האט עלווירא זיך אומגעקערט און אנידערגעלייגט אין א ווינקל. נישט פארנומענדיק זיך מער מיט מיר, איז די פרוי אוועק צום הינטערן טייל פון דער בודקע און זיך גענומען פארען ביי א קליינער קיך. „דאס בין איך עס וואס מאך איר עפעס צו עסן ״האט זי מיר געגעבן צו דערקלערן; „ס׳איז



אמת זיי לעבן פון נדבות, אבער דער מאן איז פון איר נישט אוועק, ער איז געשטארבן...״

איך האב שוין געהאט גענוג. פון טייסטער האב ארויסגענומען הונדערט לירע און דערלאנגט דעם מיידעלע, וואס האט עס אנגענומען אן א דאנק. דערנאך בין איך מיר ארויסגעגאנגען צוריק אויפן וועג, אויף וועלכן איך בין אַהערגעקומען: פון דער סטעזשקע צום אויסגעפלאסטערטן וועג און דערנאך איבער דער בריק ביז צו דער וויא אסטיענזע. אין דער היים, אין פארגלייך מיט דער היץ אין דער בודקע, האט זיך מיר אויסגעוויזן ווי כ׳וואלט אריינגע־גאנגען אין א גראָטאָ. און כאטש אונזער ביסל מעבל איז געווען זער באשיידן, איז עס דאך געווען אסך בעסער ווי די טשוועקעס, אויף וועלכע יענע צוויי אומגליקלעכע נפשות האבן אויפגעהאנגען זייערע שמאטעס. אין דער קיך האט מען שוין געהאט אראפגערוימט פון טיש; אבער מיין ווייב האט ארויסגענומען דעם אוגערקע־סאלאט, וואס זי האט געהאט אוועקגעשטעלט פאר מיר, און איך האב אים געגעסן מיט ברויט, קוקנדיק אויף איר בשעת מעשה ווי זי איז געש־טאנען ביים זלעוו און האט אפגעוואשן די טעלער מעסער, לעפל, גאפל. דער־נאך האב איך מיך אויפגעהויבן, און בגנבה איר געגעבן א קוש אויפן קארק, און אזוי האבן מיר שלום געמאכט.

אייניקע טעג שפעטער האב איך דערציילט מיין ווייב די מעשה מיט דער בודקע, און דערנאך באשלאסן צוריק אהינצוגיין זעען צי מען קאן עפעס טון פאר דעם מיידעלע. איצט האב איך מיך מער נישט געשראקן, אז מען וועט מיך האלטן פאר ערנעסטא ראפעללי. נאר וועט איר עס גלויבן ? איך האב נישט געפונען נישט די בודקע, נישט די פרוי, נישט דאס מיידעלע, נישט יענע מאגע־רע פרוי, וואס האט פאר זיי צוגעגרייט עסן. כ׳האב מיך דארטן ארומגעדרייט אן ערך א שעה צייט, די זון האט געבלענדט, צווישן די קופּעס מיסט, און בין דערנאך אהיימגעגאנגען באזיגט. פון דעמאלט אן בין איך ביי דער מיינונג, אז כ׳האב נישט געקענט געפינען דעם וועג. נאר מיין ווייב זאגט, אז דאס האב איך אליין פאַנטאַזירט די גאנצע מעשה אויס חרטה, ווייל כ׳האב בדעה געהאט זי צו פארלאזן.

פון איטאליענישן אריגינאל איבערזעצט,

**א. אלמוג**

---

חשובע רעדאקטאר,

קענט איר, פיליכט, מיר געבן צו פארשטיין, וואס פאר אַ פאראיין איז דער שרייבער און זשורנאליסטן פאראיין. אויב ער האט בלויז אַ זעקס אדער זיבן שרייבער, לויט דעם רעפארט, וואס מר י. א. ליסקי האט געגעבן אין זשורנאל „היימיש״, איז וואס פאר אַ פוריע מאכט דער זשורנאליסטן און שרייבער פא־ראיין אין לאנדאן ? וואלט אפשר דער פארזיצער י. מ. קייזער מיר ענטפערן אויף דעם.

ל. ש. קרעדיטאר

י. ריכטיגער

# יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע

## דער קולטור געראַנגל פון די חכמי התלמוד

(ג)

## פון עזרא און נחמיה ביז די חשמונאים

די יונישע אימפעריע, וואָס אלכסנדר מוקדון האָט אויפגעשטעלט אין משך פון זיין צוועלף־יעריקער ממשלה, איז נאָך זיין טויט צעפאַלן. יעדער פון זיינע גענעראַלן האָט געירשנט אַ טייל פון איר. פטאָלאָמיי אָדער תלמי סאָטער איז געוואָרן מלך איבער עגיפּטן, סעלייקעס — איבער בבל, אַנטיגונוס — איבער די אַנדערע אַזיאַטישע לענדער, ליזימאַכוס — איבער טערקיי און קאַסאַנדער איבער מוקדוניע. וועגן דעם באַזיץ פון די קלענערע לענדער האָבן זיי געפירט מלחמות צווישן זיך לערך דרייסיק יאָר און ארץ ישראל איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון תלמי סאָטער דעם עגיפּטישן מלך. דער ישוב אין ארץ ישראל האָט ענדער געוואָלט זיין אונטער סעלייקעס דעם בבלשן אָדער אַנטיאָכיעשן מלך, אָבער תלמי סאָטער דער עגיפּטישער מלך איז מיט זיין אַרמיי באַפאַלן ירושלים אין אַ שבת־טאָג, וויסנדיק אַז די יידן וועלן ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד אין שבת. האָט ער באַזעצט די שטאָט און זער פיל יידן אַוועקגעשיקט קיין עגיפּטן. די איבערגעבליבענע האָבן זיך פאַרפליכטעט צו באַצאָלן אים אַ יערלעכן צינז, שטייער, פון צוואַנציק זילבערנע טאַלאַנטן און די ערבניקעס, גוטזאָגער, ווי אויך די איינמאָנער זענען געווען דער כהן גדול און די זקנים. מיט דער צייט האָבן די יידן זיך צוגעוווינט צו דער ממשלה פון יוניש־עגיפּטישן מלכות, און הערנדיק אַז תלמי סאָטער איז אַ גוטער מלך — ער שטערט ניט די יידן אָנצוגיין מיט זייער לעבנסשטייגער, און זיי האָבן פרנסה בריוח פון זייערע מלאכות אָדער אַלס סאָלדאַטן אין תלמי׳ס אַרמיי, האָבן אַ סך יידן פאַרלאָזט ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין אלכסנדריה, די דעמאָלטיקע עגיפּטישע הויפּטשטאָט.

נאָכן טויט פון תלמי סאָטער איז זיין זון פילאַדעלפוס געוואָרן מלך, און אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט קלעאָפּאַטרע, די טאָכטער פון אַנטיאָכוס דער מלך פון אַנטיאָכיע, האָבן די צוויי מלוכות געשלאָסן אַן אָפּמאַך אַז די קליינע לענדער יהודה, שומרון, סיריע און פעניציע זאָלן זיין אונטער ביידעס ממשלה. אַנטיאָכוס האָט אַלס דאַנק פאַר שמעון הצדיק׳ס לאָיאַליטעט צו דער סעלייקישער מלוכה, בעת זי איז געווען פאַרוויקלט אין דער מלחמה מיט דער תלמישער מלוכה, זער פיל בייגעשטייערט צו די קרבנות פאַרן בית המקדש און צו רעפּאַרירן אים. ווי מען זעט דאָס פון די ווייטער ציטירטע אויסצוגן פון אַ בריוו וואָס ער האָט געשריבן צום קאָמענדאַנט פון ירושלים. „וועגן דער לאָיאַליטעט צו אונז און וועגן זייער גאָטספאָרכטיקייט האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן פאַר זייער בית המקדש יערלעך צום ווערט פון צוואַנציק טויזנט זילבער מטבעות, בהמות, ווייַן און אייל, אַחוץ דעם זעקס מאָס פיין מעל, טויזנט פיר הונדערט מאָס ווייץ און דריי הונדערט פינף און זיבעציק מאָס זאַלץ. מען זאָל



אויך זיי העלפן רעפּאַרירן דעם בית המקדש און מען זאָל זיי געבן בחנם האָלץ פון די וועלדער אין יהודה און לבנון. מען זאָל ניט שטערן זיי צו פירן זיך לויט זייער קולטור און לעבנסשטייגער און די כהנים, סופרים, משוררים, ווי אויך די סנהדרין זאָלן ניט צאָלן קיין שטייערן, און כדי די שטאָט זאָל ווערן מער באַזעצט זאָל מען באַפרייען פון שטייערן דריי יאָר די אַלע וואָס וועלן אַהין קומען ביז צו אַ געוויסן חדש.״ (בן סירא נ׳, יוסיפון־פלאַוויוס „דער אַלטערטום פון די יידן״ בוך 12, קאַפּ. 3, פּאַר. 3).

נאָך פירציק יאָר זיין כהן גדול איז שמעון הצדיק געשטאָרבן. ער האָט געהאַט איין זון מיטן נאָמען חוניו, דער זון איז געווען צו יונג איבערצונעמען די כהונה גדולה, האָט מען דעם אַמט פון כהן גדול געגעבן צו שמעון הצדיק׳ס ברודער אלעזר, און אין זיין צייט זאָל מען האָבן איבערזעצט די תורה אין גריכיש. די סיבה פאַר דער איבערזעצונג איז געווען אַ ביבליאָפילעשע, תלמי פילאַדעלפוס דער מלך פון עגיפּטן האָט פאַר זיין ביבליאָטעק צונויפגעזאַמלט איבערזעצונגען פון אַלע ביכער וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפינען ביי די פעלקער פון דער וועלט. איינמאָל איז זיין ביבלאָטעקער געקומען צו אים און געזאָגט — ווי ער האָט געהערט האָבן די יידן געזעץ ביכער וואָס זענען ווערט מען זאָל איבערזעצן פאַר דער קעניגלעכער ביבליאָטעק, האָט תלמי געשיקט מתנות פאַרן בית המקדש און געשריבן צום כהן גדול אלעזר דעם ווייטער ציטירטן בריוו:

„אַ סך יידן וווינען אין עגיפּטן, וואָס די פּערסיער האָבן דאָ אַהער געבראַכט געפאַנגענע, און ווען מיין פאָטער איז געוואָרן מלך האָט ער זיי געגעבן הויכע פּאָסטנס אין דער רעגירונג און אין דער אַרמיי. די יידן וואָס זענען אַהער געקומען אין דער צייט פון מיין פאָטערס מלכות האָט ער אַריינגענומען אין די גאַרניזאָנען וואָס היטן די עגיפּטישע איינוווינער זיי זאָלן ניט מורד זיין. ווען איך בין געוואָרן מלך האָב איך באַפרייט איבער הונדערט טויזנט יידן פון שקלאַפעריי און באַצאָלט פון מיין קאַסע צו זייערע מייסטערס אויסלייזגעלט. אַזוי ווי איך וויל מיין נאָמען זאָל פאַראייביקט ווערן דורך מיין ביבליאָטעק האָב איך באַשלאָסן צו לאָזן איבערזעצן אין גריכיש אייערע געזעץ ביכער. איך וועל דעריבער דיר זער דאַנקבאַר זיין אויב דו וועסט מיר צושיקן פון דיינע געלערנטע צוויי און זיבעציק אַלטע לייט, וואָס זענען באַהאַוונט אין דער גריכישער שפּראַך און קאָנען ריכטיק פאַרטייטשן אייערע געזעץ ביכער״...

אויף דעם בריוו האָט דער כהן גדול אלעזר געענטפערט צו תלמי פילאַדעלפוס: „ווען מיר האָבן דערהאַלטן אייער בריוו איז אונזער פרייד געווען אַ זער גרויסע, מיר האָבן צונויפגערופן דאָס פאָלק און פאַרגעלייגט וואָס איר האָט געשריבן, ווי אויך געוויזן זיי די מתנות וואָס איר האָט געשיקט פאַרן בית המקדש. מיר האָבן אויסגעקליבן פון אונזערע געלערנטע זקנים צוויי און זיבעציק, זעקס פון יעדן שבט, און שיקן זיי צו אייך מיט אונזער תורה. מיר בעטן אייך איר זאָלט אונז די זקנים מיט דער תורה צוריקשיקן ווען זיי וועלן איר האָבן איבערזעצט״... (פילון היהודי „חיי משה״ סיפור ב׳ 78, יוסיפון־פלאַוויוס, „דער אַלערטום פון די יידן״ בוך 12, קאַפּ. 2, פּאַר. 5).

ווען אלעזר איז געשטאָרבן נאָכן זיין כהן גדול זיבן און דרייסיק יאָר האָט מען געגעבן די כהונה גדולה צו חוניו, שמעון הצידק'ס זון. חוניו כהן גדול איז געווען מער לאָיאַל צו דער יונישער מלוכה פון אַנטיאָכיע ווי צו דער יונישער מלוכה פון עגיפּטן. אפשר דערפאַר וואָס אַנטיאָכוס דער פאַרשטאָרבענער מלך פון אַנטיאָכיע האָט געהאָלפן זיין פאָטער, שמעון הצדיק, רעפּאַרירן דעם בית המקדש און באַשטימט אַ יערלעכע גרויסע סומע פאַרן בית המקדש. ער האָט דעריבער ניט געוואָלט צאָלן דעם יערלעכן צינז פון צוואַנציק טויזנט טאַלענטן צום עגיפּטישן מלך תלמי עווערגעטיס. עס האָט געהאַלטן דערביי אַז עווערגעטיס זאָל אַריינשיקן אַן אַרמיי קיין ארץ ישראל כדי איינצומאָנען דעם יערלעכן שטייער, איז יוסף בן טוביה, אַן אײדעם פון שמעון הצדיק, געפאָרן קיין אלכסנדריה און האָט אויסגעגליכן דעם קאָנפליקט. יוסף איז געוואָרן אַזוי באַליבט אין קעניגלעכן הויף אַז תלמי עווערגעטיס האָט אים געמאַכט אַלס זיין הויפּט מוכס: איינמאַנער פון יערלעכן צינז איבער יהודה, שומרון, סיריע, און פעניציע.

יוסף איז געוואָרן אַ רייכער מאַן און אַזוי ווי ער האָט באַשעפטיקט אין דער צינז איינמאָנעריי אַ סך יידן פון ארץ ישראל, איז דער עקאָנאָמישער מצב פון ישוב בעסער געוואָרן, אָבער צוזאַמען מיט דער שפע פון דער עגיפּטישער מוכסות האָבן אויך אַריינגעדרינגען נייע אידעען אין רעליגיעזן דענקען פון יידישן פאָלק. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז יעדער פון די יורשים פון אלכסנדר מוקדונס לענדער אין מיטעלן מזרח האָט קולטיווירט אַן אַנדערן אַספּעקט פון העלעניזם. די עגיפּטישע יונים האָבן אויסגעטייטשט דעם מעטאַפיזישן באַנעם פון העלעניזם: די געדאַנקען וועגן גאָט, וועלט און מענטש; און די אַנטיאָכישע יונים האָבן געשטאַלטעט דעם פיזישן באַנעם פון העלעניזם: די פאָרעם פון געטער און דעם אופן פון ריטואַל צו דינען זיי. מחמת דעם, וואָס דער עגיפּטישער העלעניזם איז געווען אַן אידייאישער, האָט מען אים מיט דער הילף פון דיאַלעקטיק געקענט אַריינשמוגלען אין יעדן אַנדערן רעליגיעזן סיסטעם, אַז אפילו די געלערנטע זאָלן אָננעמען די אידייען אַלס אייגענע און געפינען אויף זיי רמזים אין זייערע הייליקע ספרים. בעת דער אַנטיאָכיעשער העלעניזם, וואָס איז געווען אַ גשמיותדיקער — מיט בילדער פון געטער און אַ ריטועלן דינסט, האָט ניט געקאָנט פאַנגען אין זיין נעץ אפילו די עם הארצישע אָנהענגער פון אַן אַנדערן גלויבן, ווייל דער ערשטער באַדינג פון אַנטיאָכיעשן העלעניזם איז געווען, זיי זאָלן פאַרענדערן זייערע רעליגיעזע מנהגים.

אַן אַבסאָלוטער באַווייז פון אָננעמען די אידייען פון עגיפּטישן העלעניזם איז די געשיכטע פון דער ביתוסישער אָדער איסימשער סעקטע. אַ ריי אַלטע היסטאָריקער האָבן געזען און באַשריבן דעם ציווילן לעבנסשטייגער און רעליגיעזע התנהגות פון דער יידישער סעקטע. זיי דערציילן, אַז די אָנהענגער פון דער סעקטע האָבן געלעבט גרופּירט אין היילן אָדער אין צעלטן פאַרוויטערט פון די שטעט. זייער סיסטעם איז געווען אַ קאָמוניסטישער, יעדער האָט געאַרבעט פאַרן קאָלעקטיוו, אין פעלד, אין קוך אָדער אין וואָרשטאַט. עס איז



ניט געווען ביי זיי קיין רייכע אָדער אָרעמע, אַלע האָבן געטראָגן די זעלבע מלבושים און געגעסן ביי איין טיש די זעלבע מאכלים. כדי צו אונטערדריקן יעדן געפיל פון אייגנטום אָדער באַזיץ האָבן זיי ניט חתונה געהאַט, ביי מאַנכע גרופּעס פון דער סעקטע איז געווען איינגעפירט אַ סיסטעם פון פרייע ליבע און די געבוירענע קינדער האָבן אָנגעהערט צום קאָלעקטיוו. אַנדערע גרופּעס פון דער סעקטע זענען בכלל ניט געקומען אין באַרירונג מיטן קעגנגעשטעלטן געשלעכט, מענער און פרויען האָבן געוווינט אין באַזונדערע טיילן פון קאָלעקטיוו, און אין בשותפותדיקן בית תפלה האָט אַ הויכע צוים אָפּגעשיידט די מענער פון די פרויען. זייענדיק פאַנטעאיסן האָבן די ביתוסים אָדער איסים, אויסער דעם נאָמען פון אַלמעכטיקן, אויך פאַרערט די נעמען פון מלאכים און ווער עס האָט עפּעס גערעדט קעגן משה רבינו איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. זיי האָבן זער שטרענג אָפּגעהיטן שבת, אפילו ניט אָנגעצינדן אַ פייער פרייטאָג עס זאָל ברענען אין שבת, ווי אויך ניט גערירט קיין זאַך פון אָרט וועגן זייערע סיגים פון שבות און מוקצה. אַז אַ שונא איז אָנגעפאַלן אויף זיי אין שבת אָדער געצווינגען זיי צו עסן טריפהנע מאכלים, האָבן זיי ענדער זיך געלאָזט אומברענגען איידער עובר זיין אויף אַ געזעץ פון תורת משה אָדער אפילו ברעכן אַן אייגענעם סיג, כדי צו בלייבן לעבן. לאַכנדיק האָבן זיי אויסגעשטרעקט זייערע העלזער צום באַצווינגערס מעסער מיטן גלויבן, אַז די נשמות זענען אומשטערבלעך און אויף יענער וועלט וועלן זיי באַקומען דעם אייביקן גן עדן און זייערע מערדער דעם אייביקן גיהנום. (פילון היהודי „כיתות מני קדם“, יוסיפון־פלאַוויוס „מלחמות פון די יידן“ בוך 2, קאַפּ. 8).

פילון היהודי, וואָס האָט געלעבט אַרום זעכציק יאָר פאַרן צווייטן חורבן אין דער עגיפּטיש־יונישער הויפּטשטאָט אלכסנדריה און האָט געזען די ביתוסים אָדער איסים, איז דער איינציקער פון די אַלטע היסטאָריקער וואָס פאַרצייכנט ווו די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן. ער שרייבט: „די סעקטע איז שוין לאַנג פאַר מיין צייט געווען פאַרשפּרייט איבער די ערד, זי האָט געפינען חן אין די אויגן פון יונים און אַנדערע פעלקער. אָבער גרעסטנטיילס האָט זי זיך אַנטוויקלט אין עגיפּטן און צו מערסטן אַרום דער שטאָט אלכסנדריה, פון ווו זי שטאַמט און פון ווו זי האָט זיך פאַרשפּרייט“ . . . (פילון היהודי „כתות מני קדם“ חדש הרביעי). מען מוז דעריבער אָננעמען אַז די אידייע האָט די יידישע סעקטע באַקומען פון עגיפּטן און אַזוי ווי דער ערשטער טעאָרעטיקער וואָס האָט די קאָמוניסטישע קאָנצעפּציע פאַרפאַסט איז געווען דער באַרימטער גריכישער פילאָזאָף פלאַטאָ, האָט מען אַן אַבסאָלוטן באַווייז אַז די ביתוסים אָדער איסים זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די עגיפּטישע יונים אויפצובויען זייער ציווילן לעבנסשטייגער לויט דער טעאָריע פון פלאַטאָ.

מען דאַרף וויסן אַז דער יסוד פון העלעניזם, צי לויט די רעליגיעזע דענקער אדער לויט די אַטעאיסטישע פאָרשער, איז געווען פאַנטעאיזם: דער גלויבן אַז די סיבה פון שלעכטס איז די פאַרשידנקייט אין דער חושימדיקער עקזיסטענץ, אין קאָנטראַסט צום מאָנאָטעאיזם, וואָס האַלט, אַז פאַרשידנקייט איז דער

אַרויסקום פון שאַפונג און די סיבה פון שלעכטס איז אומטאָלעראַנץ. דעריבער האָבן די גריכישע דענקער און פאָרשער זיך באַשעפטיקט מיט אויסטייטשן אַלטע מיטאָלאָגיעס אָדער אַרויסזאָגן אייגענע סברות וועגן פון פאַנטעיסטישן שטאַנדפונקט האַרבע פראַגע, ווי אַזוי די פאַרשידנקייט אין דער חושימדיקער עקזיסטענץ איז אַנטשטאַנען? פלאַטאָ האָט פאַרוואָרפן אַלע מיטאָלאָגישע אויסטייטשונגען און אַרויסגעזאָגטע סברות פון זייערע פאָרגענגער, ער איז געקומען צום אויספיר אַז שלעכטקייט ווערט ניט באַשטימט פון די געטער און מען געפינט איר אויך ניט אין דער נאַטור, נאָר זי איז אַ פראָדוקט פון די מענטשנקינדערס ציוויליזאַציע: פון זייער מיין און דיין באַגריף, וואָס עס איז אמת. אָבער אָנשטאָט ער זאָל פרעדיגן „וגר לא תלחץ”: מען זאָל ניט זיין אומטאָלעראַנט צום פרעמדנס קולטור און לעבנסשטייגער, דאָס הייסט: געברויכן אַ רפואה צו היילן דאָס שלעכטע פון מיין און דיין באַגריף, האָט ער אויסגעטראַכט אַ סיסטעם פון אַמפּוטאַציע: אַרויסשניידן פון מענטשס מוח דעם מיין און דיין באַגריף.

אין די ערשטע צוויי קאַפיטלעך פון זיין ווערק „די רעפובליק” האָט פלאַטאָ אין נאָמען פון זיין לערער סאָקראַטעס דיאַלעקטיש אויפגעבויט אַ שטאָט ווו יעדער אַרבעט פאַרן קאָלעקטיוו. דער פויער פראָדוצירט קאָרן, דער בעקער באַקט ברויט, דער שניידער מאַכט מלבושים, דער שיסטער שיך, אַלעס פאַרן קאָלעקטיוו, ווו אַלע באַקומען וויפיל זיי האָבן נויטיק עסן און קליידער. אין דריטן און פירטן קאַפיטל ציטירט ער אויסצוגן פון די באַרימטע גריכישע שרייבער האָמער און העסיאָד אָנווייזנדיק אַז מען מוז זייערע ווערק צענזורירן אָדער פאַרניכטן ווייל מיט זייערע ניט אמתדיקע מיטאָלאָגישע דערציילונגען וועלן זיי קאָרופּטירן די יוגנט פון דער נייער געזעלשאַפט. אין פיפטן קאַפיטל באַהאַנדלט פלאַטאָ די פרויען פראַגע. ער לייגט פאָר אַז פרויען דאַרפן האָבן די זעלבע רעכטן און פליכטן, ווי מענער, אין דער נייער געזעלשאַפט, קאָנען ווערן אַ מנהיג אין צייט פון שלום אָדער מלחמה און טוען יעדע אַרבעט אין צייט פון שלום אָדער זיין אַ סאָלדאַט אין צייט פון מלחמה. אַחוץ דעם מוז מען איינפירן פרייע ליבע, קיין פרוי זאָל ניט זיין דאָס פריוואַט אייגנטום פון אַ מאַן און קיין מאַן זאָל ניט זיין דאָס פריוואַט אייגנטום פון אַ פרוי, און די קינדער זאָלן אויך ניט געהערן צו די עלטערן. מען זאָל די קינדער אַוועקנעמען פון די מוטער זאָפאָרט ווי זיי ווערן געבוירן אַז די עלטערן זאָלן ניט וויסן וועלכע קינדער זענען זייערע און די קינדער זאָלן ניט וויסן פון וועמען זיי שטאַמען. עס זאָל איינגעשטעלט ווערן עטליכע מאָל אין יאָר חתונה יום טובים. ווען די פירער פון שטאָט זאָלן צונויפפאַרן מענער פון פינף און צוואַנציק יאָר אַלט ביז פינף און פופציק יאָר אַלט מיט פרויען פון צוואַנציק יאָר אַלט ביז פירציק יאָר אַלט, און זיי רעגיסטרירן אַלס מאַן און ווייב ביז זיי האָבן געַנוג איינער פון אַנדערן. די רעגיסטראַציע איז נויטיק כדי אַ פופציק יעריקער פאָטער זאָל זיך ניט אויסוויילן זיין צוואַנציק יעריקע טאָכטער פאַר אַ ווייב; אַ שוועסטער און אַ ברודער מאַכט ניט אויס. און אין לעצטן קאַפּיטל זוכט פלאַטאָ צו לעזן די אַלטע



פראַגע פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו”: דעם ערלעכן מענטש וואָס עס גייט שלעכט: קאַטאַסטראָפעס אָדער קראַנקייטן פאַרביטערן אים זיין לעבן; און דעם אומערלעכן מענטש וואָס עס גייט גוט: מזל און געזונט פאַרזיסן אים זיין לעבן. זיין מיינונג איז וועגן דעם אַז עס מוז זיין אַ שכר ועונש: אַ באַלוינונג פאַר דעם ערלעכן מענטש און אַ באַשטראָפונג פאַר דעם אומערלעכן מענטש אויף יענער וועלט. ער זאָגט: „מען קאָן זיך ניט פאָרשטעלן אַז די געטער וועלן אָפּווענדן זייער אויפמערזאַמקייט פון אַ מענטש, וואָס האָט געשטרעבט צו זיין אַ צדיק אויף די וועלט און דער היפוך וועט זיין מיט דעם וואָס איז געווען אַ רשע, יעדער פון זיי וועט קריגן א פרייז פאַר זיינע מעשים. („די רעפובליק”).

די לעצטע אידייע פון פלאַטאָ, וועגן שכר ועונש אויף יענער וועלט, האָבן ניט אַליין די קאָמוניסטישע ביתוסים אָדער איסים איבערגענומען, נאָר זי איז אויך געוואָרן אַריינגעשמוגלט אין די ישיבות פון זייערע אָנהענגער אין די שטעט. די פרושים האָבן באַקעמפט די אידייע, ווייל זיי זענען געווען איבערצייגט אַז אויב מען וועט אויסשטרעקן דעם האַלז צום מעסער פון יעדן באַצווינגער מיט דער אויסזיכט צו באקומען א פרייז אויף יענער וועלט, וועט ניט בלייבן קיין שריד ופליט פון ישוב אין ארץ ישראל. אַנטיגנוס איש סוכו דער ערשטער פון די חכמי התלמוד, און שמעון הצדיקס תלמיד, האָט זיי געוואָרנט „אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס אלא היו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס ויהי מורא שמים עליכם”: ניט זיין זאָלט איר ווי קנעכט וואָס דינען זייער האַר ווייל זיי באקומען א פרייז נאָר איר זאָלט זיין ווי קנעכט וואָס דינען זייער האַר, ניט ווייל זיי באקומען א פרייז און וועגן יראת הכבוד פאַר אים. (פרקי אבות). די אָנהענגער פון די ביתוסים אָדער איסים האָבן זיך ניט צוגעהערט צו אַנטיגנוס איש סוכו, וואָס האָט געפירט צו דעם אָנהייב פון מחלוקת צווישן די חכמים. (חגיגה פ״ב מ״ב) און ווען ניט די חשמונאים וואָס האָבן פאַרוואָרפן די אידייע וואָלט דער ישוב אין ארץ ישראל אונטערגעגאַנגען.

אַנטיגנוס איש סוכו איז געווען דער ערשטער מנהיג, וואָס האָט ניט געשטאַמט פון די כהנים משפחות. די רעוואָלוציע אַוועקצונעמען די פירערשאַפט פון כהן גדול איז בלי ספק געווען דער אויסקום פון דער ווייטער ציטירטער געשעעניש. דער כהן הגדול חוניו, שמעון הצדיק׳ס זון, האָט געהאַט צוויי זין, דעם עלטסטנס נאָמען איז געווען שמעי אָדער שמעון און דעם צווייטנס — נחוניון. ווען חוניו איז געשטאָרבן, נאָך זיין כהן גדול פופצן יאָר, האָט ער איבערגעלאָזט אַ צוואה אַז זיין יונגערער זון נחוניון זאל ווערן כהן גדול. כדי אים צו פאַרטרייבן פון דער כהונה גדולה איז זיין ברודער שמעון געקומען צו אים און געזאָגט: איך וועל דיר ווייזן ווי אַזוי צו טוען די דינסט אין בית המקדש. האָט ער אים געהייסן אָנטוען אויף זיין נאַקעטן קערפּער אַ ברוסטן האַלטער און גורט באַנד און אַזוי קומען צום מזבח, מיט דעם אויסרייד: כדי ניט שמוציג צו מאַכן די כהונה קליידער. ווען נחוניון איז אין אַזאַ הולך געשטאַנען ביים

מזבח האָט זיין ברודער שמעון צונויפגערופן די כהנים און זיי געזאָגט: זעט אין וואָס פאַר אַ קליידער אייער נייער כהן גדול גייט טוען די עבודה, ער האָט פאַרשפּראָכן זיין געליבטע אַז בעת די ערשטע עבודה אין בית המקדש וועט ער טראָגן אירע קליידער. האָבן די כהנים געוואָלט נחוניון דערהרגנען וועגן חילול הקודש, איז ער אַנטלאָפן נאָך אלכסנדריה די הויפּטשטאָט פון עגיפּטן, און זייענדיק דאָרט אַ געוויסע צייט האָט ער מיט דער הילף פון די איינגעזעסענע יידן באַקומען אַ דערלויבניש פון דעמאָלטיקן מלך תלמי פילאפאטער אויפצושטעלן אַ בית המקדש אין דער שטאָט „חרס", העליאַפּאָליס, כדי צו קאָנקורירן מיטן בית המקדש אין ירושלים. (יוסיפון־פלאַוויוס „דער אַלטערטום פון די יידן" בוך 13, קאַפּ. 3, מנחות ק"ט, ספר היוחסין ז. 241). דער אַרכעאָלאָג און עגיפּטעלאָג פלינדערס פּעטריע האָט אָנפאַנג פון דעם יאָרהונדערט אויסגעגראָבן די חורבה פון נחוניוס בית המקדש. ער האָט דאָרט געפינען אַ סך פּאַפּירוס דאָקומענטן, צווישן זיי אַ קאָנטראַקט פון אַ פּרוי מבטחיה ווו זי שווערט אין נאָמען פון גאָט יהוה און געטין איזיס, וואָס באַווייזט אַז דער בית המקדש איז געווען אַ געצנדינערישער, אַזוי ווי רבי מאיר האָט געזאָגט. (פלינדערס פּעטריע „עגיפּטן און ישראל" ז. 110־94, מנחות קט).

די געשעעניש, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט אַזוי דערנידריקט דעם פּרעסטיזש פון דער כהונה גדולה, אַז מען האָט ביי איר צוגענומען די רעליגיעזע פירערשאַפט, וואָס איז געווען איר זינט מתן תורה, און מען האָט דאָס איבערגעגעבן צו די חכמים פון פאָלק, ניט קיין כהנים. מען איז אויך באַרעכטיקט אָנצונעמען, אַז כדי אָפּצושוואַכן דעם ביתוסישן אָדער איסימשן איינפלוס, וואָס איז געקומען פון עגיפּטן, האָט מען געוויילט אַלס רעליגיעזן מנהיג פון פאָלק אַנטיגנוס איש סוכו, וואָס איז געווען אונטער דער השפּעה פון אַנטיאָכיע, ווי מען זעט דאָס פון זיין יוניזירטן נאָמען אַנטיגנוס. און אפשר ווייל נחוניון איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון די ביתוסים אָדער איסים, האָבן די פּרושים אָנגערעדט זיין ברודער שמעון ער זאָל אַרויסשטיפּן נחוניונן פון דער כהונה גדולה און ווערן כהן גדול. לויט די היסטאָריקער זאל בן סירא האָבן געשטראָפט די פּרושים ווייל זיי האָבן אַוועקגענומען די רעליגיעזע פירערשאַפט פון די כהנים.

שמעי אָדער שמעון איז געווען כהן גדול צוויי און צוואַנציק יאָר און נאָך זיין טויט האָט מען געגעבן די כהונה גדולה צו זיין זון חוניו. ער איז געווען כהן גדול ניין און צוואַנציק יאָר און אין די לעצטע פינף יאָר פון זיין אַמט האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן עגיפּטישן מלך תלמי פילאמעטער און אַנטיאָכיעשן מלך אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס. דער מלך אַנטיאָכוס האָט באַזיגט די אַרמיי פון תלמי און אַזוי ווי פיל עגיפּטישע יידן זענען געווען סאָלדאַטן אין דער עגיפּטישער אַרמיי האָט אַנטיאָכוס זיך נוקם געווען מיט אומברענגען זער פיל יידישע איינוווינער פון עגיפּטן און מיטן חרב מאַכן דעם בית המקדש פון נחוניון, וואָס איז שוין ביז דעמאָלט געשטאַנען לערך פופציק יאָר. אָבער הגם די נעסט פון עגיפּטישן יוניזם איז צעשטערט געוואָרן דאָך האָט דאָס ניט



אָבגעשוואַכט דעם העלעניסטישן איינפלוס אויף דער יידישער רעליגיעזער קולטור. די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון מצרים קיין ארץ ישראל, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם העלעניסטישן באַגאַזש. די פאַרשטאַרקונג פון דער ביתוסישער אָדער איסימער סעקטע אין ארץ ישראל האָט געפירט צו אַ ביטערן אַקאַדעמישן קולטור קאַמף צווישן די חכמי התלמוד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן הונדערט און פופציק יאָר, און נאָך די הונדערט און פופציק יאָר איז ניט געקומען צו א שלום צווישן זיי, נאָר צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן....

## ש. י. דארפזאַן

## ביכער אויף מיין טיש

„די געשיכטע פון די יידן אין לאדזש אין די יארן פון דער דייטשער יידן־אויסראטונג", פון א. וואלף יאסני. הקדמה — ד"ר מ. דווארזשעצקי, פארלאג י. ל. פרץ אין ישראל.

די אומאויסשעפּנדיקע ליטעראטור פון אונזער חורבן בימי דער נאצישער הערשאפט אין פוילן, איז באריייכערט געווארן מיט א ניי בוך פון דעם באקאנטן יידישן שרייבער און ליטעראטור־קריטיקער, א. וואלף יאסני, וועגן דעם יידישן חורבן און אומקום אין דער שטאט לאדזש, דער צווייט־גרעסטער, נאך ווארשע, יידישער ישוב אין פוילן, וואס האט פארמאנט איבער 200.000 יידישע נפשות.

לאדזש האט געשמט, ווי א יידיש־פראלעטארישער ישוב, מיט זיינע אומצאליקע פאבריקן און וועבערייען; מיט זיין גיגאנטישן האנדל־וואנדל און ברייט־פארצווייגטע מסחרים, אינלאנד און אויסלאנד, דאס יידישע לאדזש איז געווען חבריש און אינטים, אפילו א פרעמדער האט אין דער פאלקסטימלעכער סביבה פון דער ארטיקער יידישער אינטעליגענץ, ארבעטער און באלמעלאכעס, זיך געפילט ווארעם און היימיש, ווי אין זיין געבוירנארט.

וועגן דעם יידישן מאסן־חורבן אין לאדזש, אין דער צייט פון דער מוראדיקער היטלערישער ממשלה, זענען דערשינען עטלעכע ביכער, וועמענס מחברים דערציילן, יעדער אויף זיין אייגנארטיקן שטיינער, די טראגישע תקופה פון די לאדזשער יידן, ביז צו זייער פיזישער פארניכטונג. אבער קיין איינציקער פון וואלף יאסנים פארגייער האט נישט געשילדערט דעם ידישן חורבן לאדזש מיט אזא עקזאקטער אויספירלעכקייט ווי דאס האט געטאן דער מחבר פון דעם דאזיקן בוך, וואס קאן, אן שום ספק, קוואליפיצירט ווערן, ווי א ווירדיקער ספר זכרון פון די גרויזאמע יידישע צרות און פיין אינעם לאדזשער געטא.

וואלף יאסני האט זיין ממש גיגאנטישע ארבעט (אויף איבער 500 זייטן, גרעסערן בוך־פארמאט, איינגעטיילט אין 32 קאפיטלעך, מיט א שלל פון סטאטיסטישע טאבעלן, היסטארישע מאטעריאלן, פאטאגראפיעס, רשימות, וכדומה) זיך באמיט צו געבן א קארעקטע און אויספירלעכע שילדערונג וועגן דער מארטיראלאגיע פון די יידן אין לאדזש, נישט בלויז אין דער תקופה פון דער נאצישער הערשאפט, נאר אויך אין דער צייט פון זעלבסשטענדיקן

פוילן; וועגן די אומדערמידלעכע קאמפן מיט די פוילישע מאכטהאבער פאר זייערע פאליטישע רעכט און קולטור־פרייהייט.

דאס יידישע לאדזש איז געווען א באגריף פון דינאמישקייט אויף אלע, אן אויסנאם, געביטן. שווער איז געווען דאס יידישע לעבן אין לאדזש אין דעם „פרייען, זעלבסשטענדיקן פוילן", ווי אין אלע אנדערע טיילן פון דער פוילישער מלוכה. אבער די לאדזשער יידן האבן געהאט א גלויבן אין זייערע כוחות; אן אפטימיזם, וואס האט באגלייט זייערע טואונגען, אויפן יידיש־קולטורעלן, פאליטיש־געזעלשאפטלעכן און עקאנאמישן סעקטאר, ביז די אלע האפענונגען און חלומות זענען אויסגערונען אונטער דער שווערער, ביטערער לאסט פון דער גרויאיקער ווירקלעכקייט, אונטער די לאפעס פון דעם אכזריותדיקן נאצי־אקופאנט! ווי א קארטן — הייזל זענען איינגעפאלן די יידישע מויערן, וואס דורות יידן האבן אויפגעבויט אין דעם יידישן לאדזש.

וואלף יאסנים בוך איז נישט קיין המשך פון די שוין דערשינענע ביכער וועגן דער מארטיראלאגיע, פיין און אומקום פון די יידן אין לאדזש, בעת דער היטלערישער הערשאפט. פארקערט: ווען מען באקענט זיך מיט די פארשידענע פאזן פון יידישן לעבן אין לאדזשער געטא, וואס ווערן געשילדערט אויספירלעך, אויפן סמך פון די זארגפעלטיק געזאמלטע, פון פארשידענע מקורות, מאטעריאלן, באקומט זיך דער איינדרוק, אז די פריערדיקע, אויף דעם זעלביקן געביט דערשינענע ביכער וועגן דעם יידישן חורבן לאדזש, זענען שטיקער המ־שכים פון וואלף יאסניס ווערק.

די לאדזשער יידן האבן נישט אזוי לייכט זיך געלאזט פיזיש און גייסטיק פארניכטן פון די היטלערישע מאכטהאבער. זיי האבן געפירט א העראאישן אפווער קעגן די נאצישע רוצחים פאר זייער מיזערנער עקזיסטענץ. אבער די בייזע, הארטע ווירקלעכקייט האט, סוף־כל־סוף, גובר געווען זייער מי און הארעוואניע, געפארט מיט א געוויסן אפטימיזם, שאפנדיק אפילו אין געטא כל־ערליי אינסטיטוציעס, עקאנאמישע, קולטורעלע און פעדאגאגישע, אין די באשריינקטע ראמען פון די געגעבענע מעגלעכקייטן, ביז זיי זענען אונטערגעגאנגען — צוזאמען מיט זייער פיזישן אומקום.

אין לאדזשער געטא זענען, צום באדויערן, געווען א צאל יידישע בוגדים, דער אפפאל פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. איינער פון זיי איז געווען דער טרויעריק בארימט געווארענער „יידן־עלטסטער" פון לאדזשער געטא, מרדכי חיים רומקאווסקי, א „פערסאנא גראטא" ביי די נאציס, וועלכער האט מיט זייער הילף זיך געקרוינט ווי דער „יידישער געטא קעניג פון לאדזש".

מרדכי חיים רומקאווסקי איז געווען א טראגיש מענטשעלע. ווי א פועל יוצא פון די אומשטענדן, איז ער מיט דער הילף פון די היטלערישע מערדער, נאמינירט געווארן אויף זיין אמט. אט די דאזיקע קרעאטור האט, אפשר, נישט מחמת פערזענלעכן רשעות, נאר צוליב שקלאפישער הכנעה צו די דייטשן, אויסגעפאלגט אלע זייערע, אן אויסנאם, סאדיסטישע באפעלן, און געשיקט אין די מארדאוויניעס צענדליקער טויזנטער יידישע קרבנות, יונג און אלט, נישט



אפגעבנדיק זיך קיין דין וחשבון פון זיינע מוראדיקע פארברעכנס!

מ׳דארף האבן נערוון ווי שטאל, איבערצולייענען דאס דאזיקע בוך פון יידישן שוידער און פיין, וואס איז, אין זיין מהות, א זארגפעלטיקע זאמלונג פון פאקטן און דאקומענטן וועגן דעם יידישן גערانגל און אומקום אין לאדזש, וואס די דייטשן האבן משנה שם געווען אויף „ליצמאנשטאט" און די שטאט איינגעגלידערט אינעם „דריטן רייך", ווי די מעטראפאליע פון דעם „ווארטעג־או" באצירק.

וואלף יאסני האט געטאן א זייער נוצלעכע זאך, צוגעבנדיק דעם בוך א ספעציעלע אפטיילונג א. נ. „קוועלן אנווייזונג", וועמענס וויכטיקע מקורות וועלן זיין ווערטפולע אנווייזונגען פאר דעם יידישן היסטאריקער, צו געפונען די פאר אים נייטיקע פערזאנען, דאטעס, טאבעלעס און אנדערע מאטעריאלן.

דאס אנגעגעבענע „זוכצעטל" מיט נעמען, וואס ווערן דערמאנט אין דעם בוך, און בעיקר די נעמען פון לערך 70 נאצי־פארברעכער, וואס זענען געווען טעטיק אין לאדזש אין דער צייט פון דער היטלערישער אקופאציע, צוגרייטנדיק די פארניכטונג פון די לאדזשער יידן, איז בכלל אַ וויכטיקער דאקומענט.

ד״ר מ. דווארזשעצקיס בוך וועגן דעם יידישן חורבן אין ווילנע, ווערט מיט רעכט־אנערקענט ווי דאס מאנומענטאלסטע ווערק פון יידישן חורבן און אומקום אין „ירושלים ד׳ליטע". וואלף יאסניס בוך דארף קוואליפיצירט ווערן ווי דאס אויטענטישסטע בוך וועגן דעם יידישן חורבן פון לאדזש. מיט דעם דאזיקן ווערק האט דער מחבר, ווי א בן־עיר פון לאדזש, אויפגעשטעלט א ווירדיקע מצבה זיין היימשטאט, וואס האט פארשריבן הערלעכע קאפיטלען פון יידישער גבורה — אין גייסטיקן, פאליטישן און געזעלשאפטלערן זין־ביז צו זייער פיזישער פארניכטונג.

ס׳איז א גרויליק בוך, אין כמות און איכות, וואס מאכט אויפשוידערן!

יעדער בשר־ודם האט ביי זיין לעבן א באגער, אז זיין אנדענק זאל נישט פארגעסן ווערן, און נאך זיין טויט זאל אויף זיין קבר געשטעלט ווערן א מצבה.

וואלף יאסני האט מיט זיין גרויסער, אחריותפולער ארבעט, געשטעלט א ווירדיקן דענקמאל די צענדליק טויזנטער פארשניטענע לעבנס פון די לאדזשער יידן. זייער אנדענק האט, אין דעם דאזיקן בוך, געפונען אַ תיקון.

„די קעניגין איזבל", היסטארישער ראמאן פון ש. איזבאן,
פארלאג „ייד־בוך", בוענאס איירעס

ס׳איז געווען א גרויסער, געוואגטער פארמעסט פאר דעם זייער באגאבטן שרייבער ש. איזבאן, ווי דער מחבר פון עטלעכע דערשינענע קינסטלערישע ראמאנען, זיך צו פארמעסטן מיט זיין נייעסטן היסטארישן ראמאן, „די קעניגין איזבל", וואס שילדערט אין א ממש פארכאפנדיקער פארם, די שטורמישע תקופה פון אחאב און איזבל, וואס האבן געהערשט אין דעם לאנד פון אינזערע אבות.

ש. איזבאן שילדערט, א זייער וויכטיקן, טראגישן אפשניט פון דער

יידישער פארגאנגענהייט אין ארץ ישראל, באזירט אויף היסטארישע פאקטן און געשעענישן, בימי דער הערשאפט פון די מלכים: עמרי, אהאב, אחזיהו און יהורם. די קרוינטרעגער נאך דעם מורד ירבעם בן נבט, וואס האט אויפגעהויבן די שווערד אויף דעם מלך רחבעם, דער זון פון שלמה, און צעטיילט דאס לאנד אויף צוויי מלוכות.

אויף אט דעם היסטארישן פאקט, האט ש. איזבאן אויפגעבויט דעם זייער אינטערעסאנטן און שפאנענדיקן ראמאן, וואס איז א קנויל מיט אן א שיעור דראמאטישע געשעענישן, וואס האבן גורם געווען דעם טראגישן אונטערגאנג פון די צוויי צעטיילטע מלוכות, ישראל און יהודה, וועלכע זענען פארקנעכט געווארן צו די מלוכות אשור און בבל.

ש. איזבאן שילדערט מיט פארנעם יענע תקופה, ווי ער וואלט געווען א לעבעדיקער עדות פון די היסטארישע געשעענישן. ער מאלט פאר אונז, מיט לעבעדיקע פארבן, די אויפטרייסלדיקע געשעענישן פון אונזער גרויסן עבר, ווי די פאסירונגען וואלטן זיך פארלאפן ערשט נעכטן־אייערנעכטן. אלץ קומט ארויס פון זיין געבענטשטער פעדער, בולט און שארף. די מענטשן, סביבות און די דיאלאגן מצד די מיטבאטייליקטע פערסאנאזשן, זענען קונסטלעריש פולקאם.

ווען דער לייענער הויבט אן זיך צו באקענען מיט דעם ראמאן (אין צוויי טיילן, אוף קנאפע 800 זייטן), ווערט ער ווי מיטגעריסן פון די געשעענישן און ער געפינט נישט קיין מנוחה, ביז ער האט אויסגעלייענט דאס לעצטע בלעטל פון דער אטעם־פארכאפנדיקער שילדערונג.

ש. איזבאן דערציילט אין א בילדעלעכער שפראך וועגן די פארגעקומענע אינטריגעס, אויפשטאנדן און מלחמות, וואס זענען געפירט געווארן צווישן די דעמולטיקע, זיך באקעמפנדיקע יידישע און ניט־יידישע צדדים, וואס האבן גורם געווען צו דעם טראגישן אונטערגאנג פון דער יידישער מלוכהשער זעלבסשטענדיקייט.

דער מחבר האט זיך באמיט אויסצומיידן גוזמאות, ווען ער שילדערט די מיט אויפברויז אנגעלאדענע געשעענישן, בעיקר דאס קעניגלעכע הויז אין שומרון; דער געפראוועטער קולט פון געצנדינסט; דער טראגישער סוף פון דער קעניגין איזבל, און אן א שיעור אנדערע געשעענישן, וואס ש. איזבאן האט ארויסגעבראכט אזוי מייסטערהאפט, וועלכע רופן ארויס ביים לייענער שטוינונג, געפארט מיט אנטציקונג!

אט ווי דער מחבר שילדערט אין צוויי קורצע זאצן א פלאסטיש בילד פון יענער היסטארישער תקופה, וואס זענען א מוסטער פון שרייבערישן טאלאנט:

„דער רייטוואגן, וואס האט נאכן זונאונטערגאנג זיך געטראגן איבער דעם פלאכלאנד, ארויף צו דער שטאט שומרון, האט אונטער די ערשטע אנגעצונדענע שטערן זיך פארקערט צו די בארג־הויכקייטן. די צוויי פליענדיקע פערד האבן קוים אַנגערירט די שטיינער פון דעם אפענעם וועג, וואס האט זיך געקאַלערט ארום די היילן, צווישן געדיכטע, גרינע אויסשניטן", (ערשטער טייל, קאפיטל 3, זייט 36).



אין אט דעם קיצורדיקן זאץ, האט דער לייענער א בולטע שילדערונג, געמאלן אויף א ברייטן לייוונט, די סביבה פון דעם ביבלישן שומרון; זיינע בערג און טאלן, וואס האבן זיך טיף איינגעקריצט אין דעם געניטן אויג פונעם מחבר, ווי ער וואלט געווען א לעבעדיקער עדות און א דירעקטער אנטיילנעמער פון די היסטארישע געשעענישן.

ש. איזבאנס פערסאנאזשן זענען נישט קיין סימבאלישע, אויסגעטראכטע, נאר ווי אויסגעהאקטע פון גראניט.

ס'איז א ראמאן, אנגעלאדן מיט טראגישע אויפטרייסלונגען און העראאישע געשעענישן, באזירט אויף די ווארע פאקטן פון אונזער היסטארישער פארגאנגענהייט.

אין דער לעצטער צייט, האבן די אנגעזעענסטע פילם־געזעלשאפטן אין אמעריקע און אייראפע, אנגעהויבן צו מאכן היסטארישע פילמען, וואס האבן זיך דערווארבן א בכבודיקן דערפאלג. איז צו האפן, אז ש. איזבאנס זייער געלונגענער היסטארישער ראמאן, „די קעניגין איזבל", וואס פארמאגט אזא דאנקבארע שפע פון דינאמיזם, איז זייער גוט געאייגנט פאר א גראנדיעזן פילם־ספעקטאקל. דאס איז א שטאף, נישט בלויז פאר אן אמביציעזן פילם־רעזשיסאר, נייערט און בעיקר, פאר א צאל פילם־אקטיארן און אקטריסעס, וואס קענען אנזעטיקן זייערע קינסטלערישע אספיראציעס.

איזבאן געהערט צום יונגערן דור יידישע שריפטשטעלער, וואס האט זיין שאפערישן טאלאנט געשטעלט און רשות פון אונזער פאלק, אויף כל־ערליי שרייבערישע געביטן. זיין ראמאן „די קעניגין איזבל", איז געווען א רייפער, שרייבערישער המשך פון זיינע פריערדיקע ראמאנען: „אומלעגאלע מעפילים שפאלן די ים'ען", „די שטאט פון צארן", „פאמיליע קארפ" און א גרויסע צאל קינסטלערישע דערציילונגען, וואס האבן אים פארשאפט א בכבודיקן נאמען אין דער יידישער ליטעראטור.

## שמואל ווהייט

## הרב ר' יהושע שפעטמאן שליט"א

א מנורה אויסגעהעמערט
פון כלו זהר טהור,
אין פיינער פארם פון קינסטלער,
בצלאל בן אורי בן חור.
אויך א קריגל שמן זית זך,
עס זאל די וועלט באלייכטן
מיט אהבה, מיט שלום,
און מקוים זאל ווערן
„ואהבת לרעך כמוך" —
דער לאנג געגארטער חלום...

אויף דער איניציאַטיוו פון הרב המפורסם ר׳ יהושע שפּעטמאַן איז אין דער נעלסאָן סט.־שול, איינגעמויערט געוואָרן אין דער מזרח־וואַנט אַמאַרמאָר־טאָוול צום זכר פון די 6,000,000 קדושים. דעם טעקסט אין לשון־קדוש און אין ענגליש באַלייכט אַ מנורה מיט זיבן ליכט, אויף אינם מאַרמאָר איז איינגעקריצט אַ שוואַרצע זעקס־רעריקע מנורה. מיר דריקן אָן דאָס ליד פונם פּאָעט שמואל וועהייט וואָס איז געווידמעט דעם חשובן רב פון דער שול.

ד. ר.

## ד. ה. לאָרענס

### קראַנק

ס׳ליגן קראַנקע וויינטרויבן אויף דער שטול ביים בעט אויסגעצויגן;
אויפן פענסטער דער כוואַסט פון פאַרהאַנג שאָקלט זיך כסדר,
קלאַפּ נאָך קלאַפּ פאַלט אויף שויב בשעת לופט דרינגט אַריין.
ס׳צימער איז הוילע שאָלעכץ פון אַ פּרי, אַ לאַגל
אויסגעלעערט און פּוסט, וואו אַ שפּין,
איינגעקורטשעט אין אירע פּיס ווי אין אַ בעט,
ליגט אינם שטויב, קוקנדיק וואו ס׳איז נישטאָ וואָס צו זען אחוץ
שוואַרצלעכע ווענט.
ווען דער טאָג אינדרויסן וואָלט נאָר געווען מיין!
וואָס איז דער טאָג, אחוץ אַ גרויע הייל,
מיט גרויסע שפּין־געוועבדער הענגענדיקע נידעריק פון דער סטעליע אַראָפּ,
וואָס פייכטער שטויב פאַלט זאַנפט פון זיי איבער נאַסע טונקעלע פעלזן,
זינקענדיקע אויף דיל פון דער הייל!
אַה, דאָס בין איך עס קראַנק, און ס׳רעגנט כסדר קאַלטער רעגן!

פון ענגליש,

---

### אַ דאַנק

מיר דאַנקען האַרציק אונדזערע חברים און פריינט פאַר דעם גרויסן אינטערעס אין אמת׳ע פריינטשאַפט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו אונדז אין אונדזערע לעצטע נישט געזונדהייט.

חנה און בערל ראָזנער

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער

שבת, דעם 28׳סטן יאַנואַר — די טראַדיציאָנעל שבת שירה־פייערונג: רעציטאַציעס פון דער יידישער דיכטונג געזאַנג פון יידישע פאָלקס לידער.

שבת, דעם 4׳טן פעברואַר און געווידעט דעם 70׳סטן געבורן יאָר פון שמואל וועהייט — פאַרליינען פון וועהייטס לידער וועלן די אַקטיאָרן סעם גאָלדבערג, און עלען ווינאָגראַד און נעט רובין.

שבת, דעם 13׳טן פעברואַר — 6 פאָרטראַג פון מאָריס מינדל.

שבת, דעם 20׳סטן — געווידמעט דעם בוך: „ווייטשעפּל שטעטל דבריטן“.



ניוסאַ גאָלד׳ס, וואָרט־קאָנצערט, אין קאַראָ האָטעל, אײַנגעאָרדנט פונם יידישן אַרבעטער־רינג אין לאָנדאָן, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. אין די טראַגי־טעאַטראַלע נומערן האָט די אַקטריסע געוואָלט׳ק אויסגענומען ביים גרויסן עולם. עס איז צו האָפן, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און די קינסטלער׳ן ניוסאַ גאָלד וועט זיך נוידער באַווייזן ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן. קאָנפראַנס׳ע״ און בגריסט די אַקטריסע: א. האָלאַנד.

° ° °

יוסף מאַרקאָוויטש, דער באַרימטער לאָנדאָנער אַקטיאָר און אויטאָר פון צענדליקער פּיעסן, האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּערציע און איז אַדורך בשלום, מיר ווינטשן אים גוטע בעסערונג און אריכת ימים.

° ° °

שמואל וועהייט, דער פּאָעט און מחבר פון איניקע ביכער, ווערט דעם חודש אַ בן־שבעים. מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָר און קענען אָנגיין מיט זיין שרייבן.

° ° °

יעדן מאָנטיק 8 אַ זייגער לערנט אין דער פּילגעט שול אַ שיעור גמרא הרב המפורסם ר׳ צימערמאַן שליט״א. יעדן פרייטיק־צו־נאַכט ווערט געלערנט די פּרשה פון דער וואָך אין דער גרויסער קאָמערשל ר״ד שול און אין מחזיקי־הדת פון די באַקאַנטע רבנים הרב הילזשטוק שליט״א און הרב אָרטמאַן שליט״א.

° ° °

אהרן ראַלין האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין רידינג־רום: די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד. פאָרזי׳ץ

° ° °

חנה מעצגעו האָט געגעבן אַ קאָנצערט פון יידישע לידער אין רידינג־רום ביים קלאַוויר דער פּיאַניסט ליכטנשטיין.

° ° °

הערי פּאַצאַנאָווסקי, פון מאַנשעסטער אויף זיין נסיעה קיין ישראל אויף איניקע חדשים, האָט ביי זיין זיין אין לאָנדאָן געליינט זיינע לידער ביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג.

° ° °

„ווייטשעפּל שטעטל דבריטן“ אַ בוך פון א נ. שטענצל דערשיינט דעם חודש.

די גרופּע „פריע אַרבעטער שטימע“ אין לאָנדאָן האָט איינגעאָרדנט אין אַרבעטער רינג אַ הזכרה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם ש. לינדער. עס האָבן דעם נפטר מספּיד געווען יוסף לעפּטוויטש, אהרן ראַלין, סעם דרין, וו. פּאָדאָלסקי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

° ° °

די דערעפענונג פון דער בן־אורי־אויסשטעלונג, אין דער בערנער סט., 14, אין דער וועסט־ענד. איז געווען זייער פייערלעך דער פיינער צונויפשטעל פון די בילדער האָט געמאַכט אויפן עולם, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען אַ סך קינסטלער און קונסט־מבינים אַ טיף איינדרוק. דעם חודש וועט אויך זיין א חודש פון יידישער מוזיק איינגעאָרדנט פון בן אורי. אין פּראָגראַם גיין אויך אַריין עקסטרע קאָנצערטן פון יידישן פאָלקס ליד און חזנות.

° ° °

דאָס אַקטיאָר־פּאָרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד גרייט צו אַ וואָרט־קאָנצערט דעם 23׳סטן פעברואַר אין קאָנוואַי־האָל, אונטערן נאָמען: „אַ וועלט מיט נסים“.

° ° °

ביים סעמינאַר פאַר יידיש וויסן איינגעאָרנט פון „פריינט פון יידיש לשון“ יעדן דינסטיק 8 אַ זייגער, אין קענען באַרנעט סקול, קאָמערשל סטר. א.1. האָבן פערגאַנגענעם חודש גערעדט: י. ריכטיקער, שלמה אויערבאַך, הרב אלעזר ספּעקטער.

° ° °

חבר בירנבוים, וועלכער האָט באַזוכט מדינת ישראל האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי די שבת נאָכמיטאָגס: וויאַזוי זעט אַ בונדיסט מדינת־ישראל.

° ° °

דער באַרימטער מאָלער אלפרעד וואָלמאַרק איז נאָך אַ שווערער קראַנקייט געשטאָרבן, שוין אַלט זייענדיק איבער שמונים. יוסף לעפּטוויטש האָט ביי דער לויה מספּיק געווען דעם נפטר.

° ° °

פערגאַנגענעם חודש איז געשטאָרבן דער יידישער שרייבער י. טיגער מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער אלמנה פונם נפטר.

# קולטור ידיעות (המשך)

יקותיאל שור, א מוזיקער פון ישראל, א מיטגליד פון כנרת קבוץ האָט געהאַלטן א תפעראַט, ביי די שבת נאָכמיטאָגס איבער קבוץ־לעבן. דער רעדנער האָט געמאַכט א ט״פן איינדרוק, מיט דעם בילד וואָס ער האָט געשילדערט.

צווישן די בענעפּ׳ט־אויפירונגען האָט די הברים טרופּע און גרענד־פּאַליי לעצטן חודש אויפגעפירט שלום עליכמס: שווער צו זיין אַ ייד. אין וועלכער עס האָט זיך, אַ חוץ די גאַנצע גרופּע אַקטיאָרן קינסטלער אויך באַטייליגט חנהלע צעלניקער.

. . .　　　. . .

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל וההייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

## א ניי דערשינען בוך אין פערלאג „לשון און לעבן"

פון סוף קומענדיק חודש וועט מען קאָנען באַשטעלן דאָס בוך „ווייטשעפּל שטעטל דבריטן" פון א. נ. שטענצל אויף דער זעלבער אַדרעס. דאָס בוך ענט־האַלט 352 זייטן, געדיכט־געדרוקט, אויף גוט פּאַפּיר און פיין איינגעבונדן וועט קאָסטן 30 שילינג.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 352) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר פעב.־מערץ 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט

לכבוד פורים ה. תשכ״א ...... ** 1
מגילת אסתר דער הלל פון פורים ...... י. ריכטיגער 7
דער צווייטע „טרעק" צום מערב ...... אליהו פאַלושאַק 14
שלחמנות (לידער) ...... שמואל וההייט 18
ביאַלע (פון פאַרגאַנגענע צייטן) ...... משה בעקערמאַן 20
א פּאָטער זאָגט קדיש (ליד) ...... מאַקס עלענצווייג 23
אויף חרובע וועגן (קאַפּיטל פון ראָמאַן) ...... משה דאָמב 23
מיין היים אין זאַגלעמביע (1 ק. צעטניק, 2 דוד זיטמאַן), צום בוך „ווייטשעפּל שטעטל ד׳בריטן ...... א. נ. שטענצל 29
די יידישע שרייבער אין לאָנדאָן ...... א. מ. קייזער 39
לאָנדאָן קולטור ידיעות
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ...... 40

**פרייז 2 שילינג**

**אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

פריינט פון יידיש לשון
גראַנדיעזער פורים באַל
און
„עד דלא ידע" טאַנץ

טאַנץ און געשמאַקער צובייסן　　　המן־טאַשן און מאַסקעס
אין דער אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1
**שבת, 4־טן מערץ**
איינטריט 5 שילינג 6 פּעניס　　　אָנפאַנג, 7.30